# פרשת שמיני י"ז - כ"ג אדר ב' תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמיני***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יואל** (ב"ר מרדכי) **רובין** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש קארוב.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הלכות ברכת המזון סימן קפ"ד סעיף ה') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת **הרה"ג רבי העניך לאנדא שליט"א** (חתן הגה"צ אב"ד שומרי שבת שליט"א), עב"ג בן **הרה"ג רבי יצחק אייזיק שנעעבאלג שליט"א** רב דקהל חסידי בעלזא מאכנובקא וומסב"ג, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הרב **שמעון מנשה וויינגארטן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אליעזר יצחק גוטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת שמיני***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** ליוניאן סיטי ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **יקותיאל יהודא שליסל** הי"ו, ושל בן הר"ר **יוסף נוסענצווייג** הי"ו, שהתקיים בהיכל הבית המדרש צאנז-זוועהיל.

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לקביעת מזוזה בבית משרדו החדש של הר"ר **אהרן קליין** הי"ו.

***וזה תוכן השיחה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אז ווען מען האט אויפגעבויט די משכן איז געווען זיבן טעג מילואים, וואס משה רבינו האט געטון די עבודה. און דעם אכטן טאג האט אים דער אייבערשטער געזאגט, אז ער זאל זאגן פאר אהרן, אז ער זאל איבערנעמען און טון די עבודה, קרב אל המזבח, ועשה את חטאתך ואת עולתך (ויקרא ט-ז). דער **אור החיים הק'** שרייבט אויפן פסוק (שם ט-א) ויהי ביום השמיני, אז די גמרא (מגילה י:) זאגט, אין ויהי אלא לשון צער. וואס איז געווען דא א צער? עס איז דאך געווען א געוואלדיגע שמחה, מען איז מחנך א משכן פארן אייבערשטען, א מקום פון השראת השכינה. וואס איז דער צער. זאגט דער **אור החיים הק'** אין איינע פון די דרכים, אז משה רבינו האט געהאט גרויס צער. משה רבינו איז דאך געווען דער גרעסטער אין כלל ישראל, און ער האט געמיינט, אז ווען מען וועט אויפבויען דעם משכן, וועט ער זיין דער וואס וועט קענען טון די עבודה אינעם משכן. און דער רבונו של עולם האט געהאט מיט אים א חשבון פון מצרים, און ער האט צוגענומען פון אים די גרויסקייט, און ער האט עס איבערגעגעבן פאר אהרן. 'ויהי' ביום השמיני, דער יום השמיני איז געווען א צער פאר משה רבינו, אז ער דארף איבערגעבן די עבודה פאר אהרן. זאגט דער **אור החיים הק'**, כאטש מען רעדט פון גרויסע לייט, ביי משה רבינו איז נישט געווען קיין קנאה וכדומה, פון דעסטוועגן דאך איז ער אבער דאך א בשר ודם, און יעדע פליישיגע הארץ האט הרגשות, און עס האט ווי געטון פאר משה רבינו. אהרן פון די אנדערע זייט, האט געהאלטן אז עס קומט זיך נישט פאר אים. קרב אל המזבח, זאגט רש"י, שהיה אהרן בוש, ער איז געשטאנען אינדערזייט, און ער האט זיך געשעמט, אז מיך האט מען אויסגעקליבן. ונחנו מה (שמות טז-ז), ער האט זיך געהאלטן ממש פאר גארנישט. עס איז דא א גאנצע כלל ישראל, אזויפיל גרויסע לייט, און אים האט מען אויסגעקליבן. און משה רבינו האט אים געדארפט מחזק זיין, קרב אל המזבח ועשה, גיי, דער אייבערשטער האט דיך אויסגעקליבן, למה אתה בוש, פארוואס שעמסטו זיך, לכך נבחרת, אויף דעם האט מען דיך אויסגעקליבן.

**די** מוסר השכל דערפון איז, אז אויף אלעם איז דא חשבונות פון הימל. עס קען זיך אמאל דאכטען, אז פאר משה קומט מער, און פאר אהרן קומט וויניגער. און אהרן אליין האט אזוי געטראכט. אבער דער אייבערשטער האט זיך זיינע חשבונות, פאר

משה האט ער געגעבן וואס משה דארף האבן, און אהרן האט באקומען וואס אהרן דארף האבן. און **יעדער דארף טון זיין פליכט אויף די וועלט מיט א שמחה, און מיט א פרייליכקייט.** משה רבינו דארף טון זיין עבודה ווי עס דארף צו זיין, און אהרן דארף טון זיין עבודה. ווען עס איז געקומען די צייט וואס משה רבינו האט געדארפט איבערגעבן א חלק פון זיין גרויסקייט פאר אהרן, אז דער רבונו של עולם וויל אזוי, מיטן הימל קען מען זיך נישט קריגן, און מען דארף עס מקבל זיין מיט א ליבשאפט.

**מען** האט נישט געבויט דא א משכן, אבער יעדע יודישע שטוב איז א משכן פארן אייבערשטען. און כל שכן יודישע געשעפטען זענען אוודאי א משכן פארן אייבערשטען. פון אזעלכע שטובער ווערן געבויט בנינים פון תורה, מוסדות התורה, דאס וואס כלל ישראל האלט זיך אויף, איז דער זבולון דער רוקן ביין פונעם כלל ישראל, זיי טוען אויפשטעלן דעם גאנצן כלל ישראל. דא איז א משכן פארן אייבערשטען. עס איז דא א משכן וואס יששכר האט, און עס איז דא א משכן וואס זבולון האט. ב"ה מען האלט ביום השמיני, מען האלט ביים מחנך זיין א נייעם מקום, און דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן 'אהרן', ער זאל אריינגיין אינווייניג אינעם משכן. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל טאקע קענען זיין א משכן פארן אייבערשטען, און מען זאל קענען טון מצות און מעשים טובים, עס זאל אלעס גרינג אנקומען, אן קיין עגמת נפש.

**פאר** ענק (העובדים) וויל איך זאגן אביסל חיזוק. איך מיין אז רבי אהרן האט מיט אפאר יאר צוריק אנגעהויבן, וואו עטץ האלטס יעצט. און איך וואונטש ענק אלע, אז דער אייבערשטער זאל ענק געבן, אז עטץ זאלטס אויך קענען מחנך זיין א פרישן בית. - וויפיל איך הער אביסל פון די ביזנעס, ווייס איך אז עס קומט מיט אסאך עגמת נפש. ביז מען רעדט צו א קאסטומער, און דער קאסטומער זאגט אפ, ווי דער סדר איז. און אלץ זאגט מען, אז די עיקר פון די ביזנעס איז, אז מען זאל נישט פארלירן די מוט. און אפילו ווען מען כאפט א פאטש, זאל מען קענען גיין ווייטער, מען ווייסט קיינמאל נישט וואו עס קומט שפעטער צוריק די ארבעט וואס מען האט אריינגעלייגט. אין הייליגע ספרים שטייט, יגעת ומצאת תאמין (מגילה ו:). אז מען פלאגט זיך, איז עס נישט א מציאה, פארוואס רופט מען עס אן 'ומצאת'. נאר א מענטש פלאגט זיך אמאל אין תורה, ער פלאגט זיך אין איין זאך, און ער איז נישט מצליח דארט, אבער א אנדערע מאל באקומט ער א מציאה אונטער די האנט, עס קומט אים עפעס אונטער אן דעם וואס ער האט עפעס געטון. דער רבונו של עולם נעמט די יגיעה וואס ער האט געהאט אויף איין פלאץ, און פאר דעם גיט ער א מציאה ערגעץ אנדערש. מען דארף נישט צובראכן ווערן ווען מען גייט אדורך, און עס איז געווען א 'יגעת', און מען האט נישט מצליח געווען דארט, ווייל נאכדעם קומט א 'ומצאת', איינער רופט אריין פון זיך אליין, מען האט גארנישט געטון דערצו. אז דער רבונו של עולם וויל, שיקט ער פאר יעדן וואס ער דארף צו האבן.

**עס** איז חודש אדר, טעג פון שמחה, און עס איז טעג וואס מען גייט אריין אין א חודש פון א גאולה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער. דער באשעפער זאל געבן פרנסה בהרחבה פאר יעדן איינעם. עס זאל זיין ברכה און הצלחה אין אלע ענינים וואס מען טוט, און און עס זאל גרינג אנקומען. מען זאל קענען טון מצות און מעשים טובים מתוך שמחה וטוב לבב, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יואל גליק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יששכר לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שלישי פרשת שמיני</u>***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הרב **יוסף פאללאק** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א, והחתן כ"ק האדמו"ר מסקאליע שליט"א), שהתקיים בבית המדרש בראשוב.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן הר"ר **משה חיים וייסבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יעקב דוד** נ"ו בן הר"ר **גרשון ברייער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהודא איסלר** הי"ו, שהתקיים באולם עמינעמס. אחר החופה רקד **רבינו שליט"א** עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **בנימין שאלאמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד ברילל** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **משה שטיינבערג** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אלכסנדר ראפאפורט** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

*

***יום רביעי פרשת שמיני***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **חיים זארגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, משה רבינו האט געזאגט, זה הדבר אשר צוה ה' תעשו, דו זאלסט טון וואס דער אייבערשטער זאגט, וירא אליכם כבוד ה' (ויקרא ט-ו), און עס וועט באוויזען ווערן אויף ענק דער כבוד פונעם אייבערשטען. דער **אור החיים הק'** ברענגט צו א מדרש (במדב"ר יב-ח), אז זה הדבר גייט ארויף אויף מצות מילה. ווייל ווען יהושע האט געמ'ל'ט שטייט אין פסוק (יהושע ה-ד), וזה הדבר אשר מל יהושע. זאגט דער מדרש, אז זה הדבר אשר צוה ה' תעשו גייט ארויף אויף די מצוה פון מילה, וואס ווערט אנגערופן זה הדבר. און דער **אור החיים הק'** און אנדערע מפרשים מוטשענען זיך, וואס פאר א קשר האט מצות מילה אהער, ווען מען רעדט דא פונעם הקמת המשכן. אבער על כל פנים, זיי זאגן שוין דרכים דערין, פארוואס מען האט עס דא אהערגעשטעלט.

**עס** קען אפשר זיין א ענין דערין. מען ווייסט אז מצות מילה איז פון די חשוב'סטע מצות וואס א יוד איז מקיים. עס איז נכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:). יעדע מצוה וואס א יוד טוט, ווערט ער נתקדש. אשר קדשנו במצותיו, דער אייבערשטער איז אונז מקדש. יעדע מצוה וואס א יוד טוט, קומט ארויף אויף אים א קדושה. אבער מצות מילה איז העכער פון אלע אנדערע מצות. די קדושה וואס מילה ברענגט אויף א יוד, דאס שטייגט איבער אלע אנדערע מצות, שקולה מילה כנגד כל המצות שבתורה (שם לב.). עס שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב עו.) אז בשעת מען מל'ט א קינד, ווערט ארויפגעקריצט אויף אים צוויי שמות פונעם אייבערשטען. עס איז דא דער שם הוי"ה, און עס איז דא דער שם שד"י. עס איז דא מלגיו, פון אינווייניג, און עס איז דא מלבר, פון אינדרויסן. עס ווערט נחקק אין א יודיש קינד די שם הוי"ה און די שם שד"י, און דאס האלט זיך, ווילאנג מען פירט זיך ערליך. ח"ו אז מען זינדיגט, ווערן געטוישט די צוויי שמות אויף פארקערטע שמות, שט"ן און ס"מ. אזוי ברענגט מען צו פונעם **זוהר הק'**.

**קומט** אויס, אז ווען א יוד איז מקיים מצות מילה ווערט נחקק אין אים דער שם הוי"ה, דעם אייבערשטענס נאמען. מען געפונט אז ביי אברהם אבינו, ווען עס איז געווען שלישי למילתו, שטייט אין פסוק (בראשית יח-א) וירא אליו ה'. ער זאגט נישט אז דער אייבערשטער האט זיך באוויזען צו אברהם אבינו, נאר וירא אליו ה', אויף אברהם אבינו איז דעמאלטס נתראה געווארן, עס איז נתגלה געווארן אויף אים דער שם הוי"ה. אונז פארשטייט מיר נישט קלאר וואס דאס מיינט, אבער אזוי שטייט אין זוהר הק', אז בשעת מען מל'ט א יוד ווערט נחקק אויף אים דעם אייבערשטענס נאמען.

**די** צוויי שמות, דער שם הוי"ה און דער שם שד"י, באטרעפן דריי הונדערט און פערציג. ווען א יוד האט אויף זיך קדושה, איז שורה אויף אים אלע ברכות וואס איז דא אין די תורה. וועגן דעם זעהט מען ביי ברכת כהנים, ווען מען בענטשט יברכך ה' וישמרך, יאר ה' פניו אליך, וואס אלע ברכות ליגען דאך אין ברכת כהנים, ענדיגט מען ושמו את שמ"י על בני ישראל, מען זאל ארויפלייגען דעם ש"ם, די צוויי שמות וואס באטרעפט דריי הונדערט און פערציג, ואני אברכם, דעמאלטס וועלן יודען זיין געבענטשט.

**זה** הדבר אשר צוה ה' תעשו, עטץ וועטס מקיים זיין די מצוה פון מילה, וואס מילה איז זה הדבר, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש, וירא אליכם כבוד ה', וועט אויף ענק אליין נתראה ווערן דעם כבוד ה', ווייל מצות מילה איז משרה אויף א יוד דעם אייבערשטענס נאמען.

*

<u>קול רנה וישועה באהלי צדיקים</u>

בשעות הלילה התקיים שמחת קשר החיתון באירוסי נכד כ"ק מרן **רבינו שליט"א**, הבחור **שלמה זלמן** נ"י, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', עב"ג הכלה בת ש"ב **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א, חתן הגה"צ רבי יחיאל מיכל פריעד זצ"ל אב"ד קראסנא).

השמחה התקיימה בבית אבי הכלה שליט"א, בהשתתפות הסבים **רבינו שליט"א**, ואחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והרבנים קרובי המשפחה שליט"א. אחר קבלת קנין זימרו ניגוני שמחה, והמחותן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א, והגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א** נשאו דברים לכבוד השמחה הרוממה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של ש"ב בת הרב מרדכי **ארי' ווייס** שליט"א, עב"ג בן הרב **ישראל יונה הורוויץ** שליט"א (חתן כ"ק האדמו"ר מאסטראוו קאלישין שליט"א), שהתקיים באולם עטרת חיה.

*

***<u>יום חמישי פרשת שמיני</u>***

אחר תפלת שחרית שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **מיכאל בער ציגעלהיים** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש יאוואזשנא.

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לקבוע מזוזה בבית משרדו החדש של הר"ר **שלום קליין** הי"ו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו** שאל את הר"ר **שלום** הי"ו מה הוא לומד עכשיו, וענה, מסכת חולין. ואמר **רבינו:** איך האב היינט געזעהן א קשיא, אז די גמרא (חולין מב.) זאגט, אז דער אייבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו יעדע בעל חי ווי אזוי עס זעהט אויס. זאת החיה אשר תאכלו, ער האט אים געוויזן א פרה, און א גמל, און אזוי ווייטער, יעדע שרץ העוף, יעדע שרץ המים, האט אים דער אייבערשטער געוויזן ווי אזוי עס זעהט אויס. און רש"י (ויקרא יא-ב) ברענגט צו א מדרש (ויק"ר יג-ד), אז ווען משה רבינו האט געלערנט מיט יודען, האט אים דער אייבערשטער ממציא געווען אלע בעלי חיים, און ער האט געוויזן פאר זיי אין מדבר, ווי אזוי עס זעהט אויס, יעדע בעל חי. כאטש אין מדבר קומען נישט אן די אלע בעלי חיים, און איך ווייס נישט פונקטליך ווי אזוי אלע שרצי המים האבן געלעבט, מען האט זיי ארויסגענומען פון וואסער אין א מדבר, עס מוז דאך בלייבען נאס, כדי זיי זאלן קענען לעבן.

**עס** שטייט אין **פנים יפות** (פ' שמיני ד"ה זאת החיה), אז דער אייבערשטער האט געזאגט אין מדבר סיני, אז קיין שום בהמה זאל נישט ארויפגיין אויפן בארג סיני. ווען דער אייבערשטער האט געלערנט מיט משה אינעם אהל מועד, האט דער אייבערשטער אריינגעברענגט אין אהל מועד אלע בהמות און חיות טמאות, און ער האט עס געוויזן פאר משה רבינו?! מוז מען זאגן, אז דער אייבערשטער האט אים נישט געוויזן אלע בעלי חיים ארגינעל, נאר אזוי ווי ביי די מנורה שטייט, אז ער האט אים געוויזן א מנורה של אש, אזוי האט ער אים געוויזן אלע בהמות און חיות. עס איז נישט געווען ממש 'זאת החיה', אזוי ווי עס איז לעבעדיגערהייט. אין **אמרי יושר** איז דא א תשובה (ח"ב סימן קכ"ז אות ד') וואס ער דינגט זיך דערויף, אז מען האט געמעגט אריינטראגען אינעם אהל מועד בהמות און חיות. עס איז נישט געווען קיין איסור אזוי ווי ביי בארג סיני. - און די קשיא איז נאך שטערקער, פארוואס האט ער אים געדארפט ווייזען אלע חיות טמאות? זאת החיה אשר תאכלו, די צען מינים קענט עטץ עסן, און די איבריגע נישט. עס איז דאך נישט קיין חילוק ווי אזוי זיי קוקן אויס.

**דער בית יוסף** (יו"ד הל' עופות סימן פ"ב) ברענגט צו א **הגהות מיימונית** (הל' מאכלות אסורות א-מ), אז דער ר"י איז אמאל געזעסן אין די ישיבה, און ער האט געלערנט מיט די תלמידים אויף געוויסע עופות, וועלכע איז טמא און מען טאר עס נישט עסן, און וועלכע מען קען יא עסן. און מען האט זיך געדינגען אויף א עוף וואס האט געהייסען קורא"ן, צו עס איז

כשר צו נישט. זעהט אויס, אז עס איז נישט געווען בנמצא דארט אזא מין עוף. אינמיטן איז דער עוף אריינגעקומען אין די ישיבה צום רבינו תם, און דער רבינו תם האט עס געגומען, און מען האט עס גע'שחט'ן, און מען האט באקוקט אינווייניג די סימנים. עס איז דא כמה סימנים אויפן זפק, ווי אזוי עס קוקט אויס, און ער האט געוויזען. - עס איז געווען א דבר פלא, ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען, און פון הימל האט מען אים מזמין געווען אז ער זאל עס קענען זעהן.

**איך** האב אמאל געהערט, אז ווען **רבי חיים קניבסקי זאל זיין געזונט**, האט געשריבן זיין ספר אויף הלכות חגבים, איז ער געזעסן און געלערנט. און עס איז געקומען א היישעריק אויפן טיש, און ער האט עס גענומען אין די הענט, און ער האט מברר געווען וואס ער האט געהאט א ספק. אויף דעם קען מען נאך זאגן אז עס איז געווען א מקרה. אבער נאכדעם האט ער זיך דערמאנט, אז ער האט געהאט נאך א ספק וואס ער האט געוואלט מברר זיין. איז דער חגב נאכאמאל צוריקגעקומען אויפן טיש, און ער האט מברר געווען זיין ספק. איך האב געהערט אז רבי חיים קרייזווירטה האט אליין געפרעגט רבי חיים קניבסקי צו די מעשה איז אמת, און ער האט געזאגט, יא. – אז מען לערנט תורה לשמה, איז דער אייבערשטער מזמין. – עס איז א סימן, אז עס איז נאך דא יודען וואס לערנען תורה לשמה.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***<u>ערב שבת פרשת שמיני</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אשר זעליג נאה** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, לשבות בקרב קהל אנ"ש בעיר, לקראת שמחת חנוכת בית המדרש החדש '**תפארת יהושע וויען**', אשר אחר זמן מרובה של עמל ויגיעה, נבנה על תילה בהוד ותפארת, כראוי וכיאות לבית ה', ונקרא לשמו ולזכרו של **כ"ק הגה"צ אבדק"ק סאמבאטהעלי זצוק"ל**, אביו של **רבינו שליט"א**.

**רבינו שליט"א** הגיע לבנין הבית המדרש כרבע שעה לפני זמן הדלקת הנרות, וקבע מזוזות בשערי הבית המדרש, אחר כך נתכבדו **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א** דומ"ץ הבית המדרש, ובני וחתני רבינו שליט"א ושאר חשובי העדה לקבוע מזוזה. ובסיום פצחו הקהל בשיר 'שאו שערים ראשיכם'. - אחר קביעות המזוזות חבש **רבינו שליט"א** השטריימעל להחתן **אליעזר ברילל** נ"ו, בן הר"ר **דוב ברילל** הי"ו.

*

***<u>שבת קודש פרשת שמיני</u>***

**רבינו שליט"א** ניגש ברגש דקדושה לתפלת מנחה, התפילה הראשונה בהיכל הנהדר. אחר תפלת מנחה קידם **דומ"ץ הביהמ"ד שליט"א** את פני הקודש בדברי ברכה, והמשיך את שיעורו בדבר הלכה בבירורי שיטות הפוסקים בקצרה באופן בניית המקואות הנהוגים בזמנינו, והעלה על נס ההידורים שנעשו במקוה החדש שנגמר כעת בחידושה. לתפלת קבלת שבת עבר לפני התיבה **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א** שהנעים לקבל פני שבת מלכתא. אחר התפלה עברו המוני אנ"ש וקהל האורחים לפני **רבינו שליט"א** לברכת 'גוט שבת' ולקבלת שלום.

סעודת ליל שבת קודש והבאטע נערך בבית האכסניא בבית **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א**. לפני קידוש בירך **רבינו שליט"א** ברכת הבנים לנכדיו שיחי', וכמו כן לנכדי בעל האכסניא ובחורי אנ"ש שנוכחו במקום. במשך הסעודה השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה ושיחות יקרים בעניני הפרשה ועוד. בברכת המזון כיבד את בעל האכסניא **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א**. [והוסיף בצחות: הרי עשיתם אותי לבעל הבית, אם כן מן הדין האורח מברך...].

כמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה בתפלת שחרית ברב עם הדרת מלך. לתפלת שחרית ניגש הרב **יודא**

**באדאנסקי** שליט"א, הבריח התיכון בהקמת הבית המדרש בתפארתו, וחבר הנהלת מוסדותינו הק' במאנסי.

**רבינו שליט"א** עלה בעליית מפטיר (פרשת פרה) כנהוג. ובירך ברכת החודש - חודש ניסן - בהתעוררות רב ובהשתפכות הנפש. תפלת מוסף התפלל לפני התיבה דומ"ץ הביהמ"ד **הרה"ג רבי יוסף זילבער שליט"א**. אחר התפלה נערך קידושא רבא (בהיכל בקומה שלמטה) לרגל המאורע.

מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים, בעת שערך **רבינו שליט"א** סעודתא דעתיקא קדישא יחד עם הציבור הרחב קהל תלמידיו וחסידיו בעיר מאנסי. במשך הסעודה השמיע דברים בנעימים הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו שהיטיב לתאר גודל השמחה השוררת אצל אנשי שלומינו בחנוכת בית מקדש מעט הלזו. אחר כך השמיע **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** מדברותיו, בענין יסוד ותכלית הבית המדרש לתורה ולתפלה ודיבוק חברים ברוחניות ובגשמיות.

בקשב רב נשמעו דברות קדשו של **רבינו שליט"א** שהתחיל בדבריו שהגם שלא חשב להשמיע אמרותיו בסעודתא הדין, אמנם רוצה להביע גודל רגשותיו בעת שציבור כה גדול מתאספים בשבת אחים גם יחד, והמשיך בתועלת הקמת הבית המדרש, לקבוע שיעורין תמידין כסדרן בחבורה, ולהתאסף יחדיו בתפלות לא-ל חי ובפרט בשבתות וימים טובים, ולהזהר שלא לשוח בעת התפלה, והתחזקות ביתר שאת באהבת חברים, ולעמוד לימין חבירו בגופו ובממונו ובדברי חיזוק, ויתקדש שם שמים לשם ולתפארת. אחר הדברות קודש עמדו כל הקהל בריקודין להודות ולהלל על כל הטוב אשר גמלנו.

ויהי בעלות המנחה עת רעוא דרעוין גדשו ציבור עצום את היכל הבית המדרש לשמוע את דבר ה'. **רבינו שליט"א** האריך בדבר אגדה נפלאים בפרשת נדב ואביהוא, ובענין אהבת ויראת ה' בכל לב ונפש, ובתוכו דברי הדרכה לרגל חינוך הבית המדרש שהחינוך צריך להיות בדרגא היותר גבוה בקדושה וטהרה, ולקבל על עצמינו קדושת בית המדרש בהתנהגות, וליזהר משיחה בעת התפלה ולהתפלל בכוונת הלב. וסיים בברכה לאלו שסייעו להקים בית המדרש לתורה ולתפלה, שיש עליהם ברכת מקריבי הקטורת, שגם המגישים המחתה נכללים בזה, לזכות לשפע ברכה של עושר וכבוד.

אחר תפלת ערבית הבדיל **רבינו שליט"א** על כוס בהיכל הבית המדרש, ועברו כל הקהל להתברך בברכת 'א גוטע וואך'.

אחר הבדלה הגיע **רבינו שליט"א** לביקור אצל **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** שלום עליכם.

**רבינו:** ב"ה מען זעהט זיך.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** עס קומט דאך א מזל טוב (לאירוסי הנכד), מזל טוב. עס איז דאך אויך יעצט א חנוכת הבית.

**רבינו:** מען האט מחנך געווען א נייעם בית המדרש.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** יישר כח פאר די ספרים נאכאמאל. איך בין מיך מחיה דערמיט.

**רבינו:** יגדיל תורה ויאדיר.

**ודיבר אודות מנהגי חנוכת הבית וכו'**

**רבינו:** מען האט עס מחנך געווען אויף שבת. דער **בעלזער רב זי"ע** פלעגט אייביג הייסען, אז מען זאל זיך אריינציען אין א דירה אויף שבת

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** מיין טאטע אויך. די עיקר איז אז מען זאל עסן דארט א סעודה, דאס מופען קען זיין אינמיטן די וואך אויך. אין **ליקוטי צבי** איז דא וואס מען זאל זאגן ביי א חנוכת הבית. אונז פלעג מיר עס זאגן, אבער איך האב עס קיינמאל נישט געהערט פונעם טאטן. איך האב געהאט א יונגערמאן וואס האט מיטגעמאכט אסאך פראבלעמען אין שטוב, איז ער מיך געקומען פרעגן, אז ער הערט זאגן, אז דאס פלאץ וואו מען האט געבויט דאס הויז, איז געווען אמאל א מקום טומאה, איז ממילא ווייסט ער נישט, אפשר וועגן דעם מאכט ער מיט אזויפיל. האב איך אים גועזאגט, אז איך האב קיינמאל נישט געהערט אזא מין זאך. איך האב נאר געהערט, אז מען האט אראפגעהאקטביימער, אדער פארמאכט א פענסטער, אדער פארמאכט א טיר, אבער דאס האב איך נישט געהערט. איך קען דיר נישט זאגן א זאך וואס איך האב נישט געהערט. גיי צום פעטער, דער **ראחמיסטריווקא רבי שליט"א**, און פרעג אים. איז ער געגאנגען צום ראחמיסטריווקא פעטער, און ער האט אים אויך געזאגט, אז ער האט קיינמאל נישט געהערט פון אזא זאך. האט ער אים געפרעגט, ווען דו האסט אריינגעמופט אין די דירה, האסטו געזאגט די זאכן וואס עס שטייט אז מען זאל

זאגן? האט ער געזאגט, ניין. האט ער אים געזאגט, זאג עס יעצט.
**רבינו:** דער טאטע האט געהייסען זאגן ויהי נועם?
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ניין.
**רבינו:** אפילו אין א ניי געבויטע דירה?
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ניין. אין א נייע דירה האט ער געהייסען אז א גוי זאל שלאפן דארט איין נאכט, און מען זאל אריינטראגן א הינדל, און נאכדעם האט מען גע'שחטן דאס הינדל. עס איז דא א גוי דא, וואס דער עולם נעמט אים כסדר.
**רבינו:** פאר א גוי שאדט גארנישט.

**וכיבד את רבינו לברך על הכוס**

**ורבינו כיבד את האדמו"ר מוויזניץ לברך קודם**

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** איך פרעג, איך ווייס נישט פארוואס מען קריגט זיך אלעמאל? אבער ווי איך קום, זעה איך עס. איך געדענק אלעמאל די רבי'ס, וואס איז די וויכוח?
**רבינו:** מען וויל מכבד זיין איינער דעם צווייטן. די וועלט זאגט, אז א בעל הבית, ווילאנג ער מאכט נישט קיין ברכה, קען ער נישט מכבד זיין, ווייל עס איז נישט זיין. - איך פיר זיך, אז איך קריג זיך נישט, און אויף דעם אויך נישט...

**ובירך רבינו שליט"א תחלה**

**רבינו ביקש מהאדמו"ר מוויזניץ לברכו תחלה באמרו:** איך האב שוין איינמאל געפאלגט.
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל זעהן נחת פון אלע קינדער און אייניקלעך. דער אייבערשטער זאל געבן הצלחה און סייעתא דשמיא, מען זאל קענען משפיע זיין ברוחניות ובגשמיות.
**רבינו:** אמן. דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און עס זאל אלעס גרינג אנקומען, מתוך שמחה וטוב לבב.
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** וועגן וועקסינעשא"ן טוט מען עפעס? מען האט עפעס א שיטה אין דעם?
**רבינו:** די רעגירונג פארלאנגט דאך, וואס קען מען טון.
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** אונז גיי מיר יעצט ארויסגעבן א צעטל, אז מען דארף. דער ירושלימער רב האט אויך געשריבן.
**רבינו:** מען קען דאך נישט אריינגעמען די קינדער.
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** כאטש עס איז דא מענטשען וואס עס גייט זיי אין לעבן.
**רבינו:** וואס טוען זיי טאקע, די מוסדות נעמען דאך נישט אריין די קינדער. מען האלט זיי אין שטוב?
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** יא. זיי האבן גענומען א מלמד. רבי שלמה מילער שרייבט אין א בריוו, אז מען דארף נעמען, אבער מען קען נישט צווינגען צו נעמען, און מען זאל זעהן צו מאכן עקסטער א תלמוד תורה פאר די קינדער. אבער עס איז נישט שייך דאס צו מאכן, ווייל די רעגירונג לאזט דאס אויך נישט. מען דארף טון וואס מען דארף צו טון.
**רבינו:** וואס איז דער הסבר, זיי זענען קלוגער פן אלע דאקטורים?
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** עס איז דא מענטשען וואס האלטן אז זיי האבן זיך אפגעבריט.
**רבינו:** דער אייבערשטער דארף היטן מיט די וועקסינעשא"ן און אן די וועקסינעשא"ן. אז עס איז באשערט איז באשערט, און אז עס איז נישט באשערט, איז נישט. אונז דארף מיר נאר טון, וואס עס איז א חיוב השתדלות. די וועלט זאגט נאך פנעם **חפץ חיים זצ"ל**, אז ער האט געזאגט, אז עס איז דא קראנקע, און עס איז דא געזונטע. עס איז דא מענטשען וואס לעבן לאנג, און עס איז דא מענטשען וואס לעבן ווייניג. און דיביידע זאכן האבן נישט צו טון איינס מיטן אנדערן.
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** אין **חובות הלבבות** (שער חשבון הנפש, חשבון ט"ז) שטייט דאך דאס, מען שטארבט יעדע מינוט, עס איז נישט קיין חילוק אלט אדער יונג.
**רבינו:** מען מיינט אלץ, אז דער קראנקער מוז שטארבן, און דער געזונטער מוז לעבן.
ביים **אמרי חיים** איז געווען פסח עפעס ספעציעל. ביים טאטן איז אויך געווען ספעציעל פסח מער ווי די אנדערע ימים טובים?
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ניין. עס איז אינטערעסאנט, אז פסח אליין האט מען נישט געזעהן אזוי שטארק (אצל האמרי חיים). אבער די הכנה איז געווען גרויס. פון חנוכה האט ער שוין ביי יעדע תורה גערעדט פון פסח. איך געדענק אז ווען איך בין געווען דארט האב איך שוין געוואלט זעהן ווי אזוי ער גייט עסן די כזית מצה, ער האט אזויפיל גערעדט פון די מצה, אבער מען האט גארנישט געזעהן, ער האט גע'מוח'ט.
**רבינו:** תשי"ד איז ער געווען דאהי.
**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ער האט אסאך גערעדט פון שבת און פסח, שבת היום פסח היום (מגילה יג:).
**רבינו:** איך האב אמאל געהערט א טעי"פ פון א סדר, מן הסתם איז עס געווען דאהי אין אמעריקא

ווען ער האט געהאלטן יום טוב שני. זעהט אויס, אז עס איז געווען א בן ארץ ישראל וואס האט מקיל געווען. עס איז מיר געווען א חידוש, אז ער האט אפגעזאגט די הגדה אזוי ווי איינער וואס יאגט זיך אנצוקומען ערגעץ.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** ווען דער טאטע איז געווען אין ארץ ישראל, האט ער נישט אריינגעלאזט קיינעם צום סדר. ער האט נישט געוואלט זעהן קיין ארץ ישראל'דיגער יוד. ער איז נישט געגאנגען אין מקוה, ער האט נישט געוואלט ארויסגיין פון שטוב. האט ער געפירט די סדר אויפן טאראסע פונעם זיידן. ער האט צוגעמאכט די ווינדא"ו שעד"ס, די תריסים ווי מען רופט עס. און דער זיידע ז"ל האט געעפענט די טיר, און ער האט געפרעגט דעם טאטן, איך מעג יא זיין דא? דער זיידע איז אויסגעגאנגען צו זעהן נאך א סדר...

**רבינו:** ער האט מחבב געווען די מצוות.

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** דער **טשימפא רב זצ"ל** שרייבט דאך אין די תשובה (בספרו **תפארת אדם**), אז ער האט געזעהן ווי עס גייט אים אין לעבן, האט ער אים געזוכט א קולא (להחזיק שני ימים טובים בהיותו בחוץ לארץ).

**רבינו:** ער איז דעמאלטס דא געווען מיט די רעבעצין?

**האדמו"ר מוויזניץ-מאנסי:** יא, און אויף דעם האט ער זיך פארלאזט. דער טאטע ז"ל ווען איינער איז געקומען מיט די רעבעצין האט ער אויך אזוי גע'פסק'נט. איינמאל בין איך געווען דא, און א יוד האט אים געפרעגט. האט ער געזאגט, איך ענטפער נאר פאר וויזשניצע יודען, נישט פאר פרעמדע. ווען דער יוד איז ארויסגעגאנגען האט מיר געזאגט, ער איז א סערעט'ער, און זיין רבי איז דא געווען מיט די רעבעצין, און ער האט נישט געפירט קיין צווייטע סדר, ממילא האב איך אים נישט געקענט פסק'נען.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל המלוה מלכה ומסיבת הכרת הטוב שנערך לכבוד הרב **שמואל באדאנסקי** שליט"א, אשר במשך הרבה שנים עד הנה התקיימה אכסניית בית מדרשנו בהיכלו.

***וזה תוכן הדברים:***

**עס** איז באמת יעדער מכיר טובה אויף די אלע יארן וואס מען איז געווען דא אין בית המדרש. מען האט צוגעשטעלט אלעס וואס האט אויסגעפעלט נישט ווי פאר א פרעמדען, נאר ווי פאר א אייגענעם. איך פארשטיי אז די מלוה מלכה דא איז אזוי ווי א מסיבת פרידה, אבער דער מסיבת פרידה וואלט געדארפט צו זיין ווען מען גייט ארויס, און נישט ווען מען איז שוין דארט, און מען קומט צוריק. פארשטיי איך, אז דאס איז מער פון א פרידה. נאכדעם וואס מען איז שוין דארט, בענקט מען זיך צוריק אויף אהער. ווען מען איז נאך דא, וואלט עס געהייסען אז מען געזעגנט זיך, און מיר גייען ארויס אויף ערגעץ אנדערש. אונז האב מיר געוואלט ווייזען אז אפילו ווען מען איז שוין ארויסגעגאנגען, מען איז שוין אינדרויסן, פון דעסטוועגן דאך בענקט מען זיך צוריק אויף דעם מקום.

**וועט** מען פרעגן, אויף וואס בענקט מען זיך. מען האט דאך דארט א שיין גרויס בית המדרש, וואס איז דא זיך צוריקצובענקען אויף דעם פלאץ. [הערן רבי שמואל דאווענען, וועט מען אים דאך הערן דארט אויך]. נאר מען ווייסט אז פאר א מלך פעלט גארנישט, ער האט אלעס וואס ער דארף צו האבן. אבער אמאל מאכט זיך וואס דער מלך איז ערגעץ אונטערוועגענס, און ער איז אין זייער א ענגע מקום, און איינער נעמט אים אריין, און ער טוט אים צושטעלן אלעס וואס ער דארף האבן, אז אפילו דער מלך איז אין דער פרעמד, האט ער אלעס וואס ער דארף, איז דעם הכרת הטוב וואס דער מלך האט, וועט ער שטענדיג געדענקן. דאס וואס ער האט ביי זיך אין שטוב וועט ער נישט געדענקן, יעדן טאג האט ער דאך די זעלבע מלכות. אבער ווען ער איז אין דער פרעמד, און ער האט דארט גארנישט, און איינער נעמט אים אריין, און ער איז אים מכבד און ער שטעלט אים צו וואס ער דארף, דאס וועט אים בלייבן אין זכרון אויף שפעטער אויך. [די משל ווערט געברענגט אין **עבודת ישראל** אויף די משנה (אבות ד-ג) אל תהי בז לכל אדם. און ער איז מסביר מיט דעם, פארוואס לאזט דער אייבערשטער די רשעים אויף די וועלט, זיי זענען דאך מכעיס דעם אייבערשטען. נאר ווייל אמאל איז דא וואס ער טוט א דבר טוב, און דעמאלטס איז עס אזוי ווי דער מלך וואס געפונט זיך אין דער פרעמד, צווישן רשעים, און דער תענוג וואס ער האט דעמאלטס, קען אים זיין מלכות נישט צושטעלן. און פאר דעם תענוג לאזט דער אייבערשטער איבער די רשעים אויף די וועלט].

**מען** גייט אריין אין א גרעסערן בית המדרש, מען ווערט זיך צוגעוואוינען דארט, אבער מען ווערט זיך שטענדיג צוריקבענקן צו די גוטע צייטן וואס איז געווען דא, ווען מען האט נישט געהאט גארנישט, און מען האט געזוכט א פלאץ וואו מען זאל קענען דאווענען, און מען האט איבערגעגעבן א מקום וואו מען זאל קענען דאווענען און לערנען צוזאמען, ווערט דאס בלייבן שטענדיג אינעם זכרון. מיר געזעגענען זיך נישט, ווייל מיר האבן נאך געהאט א קשר פאר דער בית המדרש האט זיך אנגעהויבן. אונזער קשר האלט שוין אן איבער דרייסיג יאר, עס האט זיך אנגעהויבן אין סופרי"ם קאנטרי, עס איז געווען דעמאלטס שיינע יארן, אין א קליינע פארנעם, רואיג, שיינע שבתים געהאט צוזאמען, איז ממילא מיר געזעגענען זיך נישט, אונז וועל מיר שטענדיג צוריק קוקן אהער אויף דעם פלאץ וואו מען איז געווען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן אי"ה, אז וואו מען איז, זאל מען עס קענען נוצן געזונטערהייט. עס קומט אריין א נייע משמר אויף דעם מקום, זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאל זיין מיט אסאך נשיאת חן, און ברכה און הצלחה. עס זאל נישט זיין ערגער ווי די פריערדיגע... בעסער מעג זיין, אבער מען דארף וויסן צו אפרישיעט"ן וואס מען האט געהאט. מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה מתוך שמחה וטוב לבב, עס זאל קענען גרינג אנקומען. ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

# פרשת תזריע כ"ד אדר ב' - א' ניסן תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת תזריע***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הקבלת פנים של בת ש"ב הר"ר **רפאל קאליקשטיין** הי"ו (חתן הר"ר משה יהודא לעבאוויטש הי"ו, נכד הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל), עב"ג בן הר"ר **לייב גאלדבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם ווילהאוויץ.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לביתו החדש של הר"ר **יהודא בינער** הי"ו וקבע מזוזה, אחר כך הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.

__בורא עולם בקנין השלם זה הבנין__

משם נסע **רבינו שליט"א** לבית מדרשינו החדש "**תפארת יהושע**" לפאר בהדרו מעמד חנוכת הבית, מה נהדר היה המראה עת התקבצו חשובי וטובי קהלתינו, אנ"ש, בחורים ואברכים וידידי בית מדרשינו, ועל צבאם הרבנים הגאונים דייני קהלתינו הק', וגדולי ורבני העיר שליט"א ובראשם עט"ר **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, שעות של קורת רוח עברו על כל המשתתפים, שישבו אצל שולחנות הערוכים כראוי למעמד הוד כזו, זמירות יאמרו על ידי חבורת אברכים, וידידנו הר"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו מנחה המעמד ומשמיע מנועם אמרותיו.

בהמשך המעמד נשמעו דברי תורה ודרשות מאת **הרה"ג רבי יוסף זילבר שליט"א** דומ"ץ הבית מדרש, ומהאורח הכבוד **הגה"צ רבי מנחם מאיר ווייסמאנדעל שליט"א** אב"ד נייטרא מאנסי, ומאת **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתינו הק' במאנסי, שכולם עפ"י דרכם המיוחדת הביעו התרגשותם שהגיענו עד הלום, בראות הבנין על תולה בניה, ופירושה ומשמעותה של קדושת בית המדרש, וחשיבות האחדות של חבורת יראי השם, ובפרט שחוסים תחת צילו והדרכתו של האור הגדול **כ"ק רבינו שליט"א**.

מתנות יקרות לאות ולזכרון ולהערכה נחלק להני העסקנים החשובים שיחו שעבדו בלי ליאות במשך כל הזמן, זמנים טובא לראות הבית בנוי בתפארתו.

ביראת הכבוד האזינו כל העם הנקבצים לדברי קודש שהשמיע **כ"ק מרן אדמור שליט"א** [תוכן הדברות קודש מובא להלן] שמחה גברה עת כל הקהל פצחו ברקודין של שמחה, בתהלה להשי"ת שזיכנו לחנך הבית הגדול, שיהי בית וועד לתורה יראת שמים וגמילת חסדים.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** האב א געוואלדיגע זכיה צו באגריסן די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צום חנוכת הבית פונעם בית המדרש 'תפארת יהושע', על שמו ועל זכרו פונעם טאטן זכרונו לברכה. עס איז זיכער, אז א בית המדרש וואו מען לערנט און מען דאווענט ערליך, איז די שענסטע זאך וואס א קינד קען טון פאר עלטערן. עס איז צוגעקומען נאך א נופך אין אונזער קהלה, דאס בית המדרש דא אין מאנסי. זאל דער אייבערשטער געבן, אז די אלע תפלות וואס מען איז מתפלל, און די תורה וואס מען לערנט אין דעם בית המדרש, זאל באגלייטן יעדן איינעם שטענדיג.

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די הקמת המשכן. די תורה הק' דערציילט, אז עס האט פאסירט א אומגליק אין דעם טאג, נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן. און מען האט געברענגט מערערע קרבנות אין דעם טאג, עס איז געווען די קרבנות וואס מען האט געברענגט צום חנוכת המזבח, עס איז געווען דער שעיר פון נחשון, עס איז געווען ראש חודש, וואס מען האט געברענגט א שעיר פון ראש חודש. און וועגן א סיבה האט מען פארברענט איין שעיר, דעם שעיר פון ראש חודש, און מען האט עס נישט געגעסן. משה רבינו איז אנגעקומען, און ער האט געזען אז מען האט אויפגעגעסן די איבריגע שעירים, און דעם שעיר פון ראש חודש האט מען פארברענט. ואת שעיר החטאת דרש דרש משה והנה שורף (ויקרא י-טז), האט זיך משה רבינו געבייזערט. משה רבינו האט געהאט אנגעזאגט פאר דעם אז מען זאל עסן פון די קרבנות, כאטש בדרך כלל עסט נישט א אונן פון קדשים, אבער דא האט ער אנגעזאגט אז מען זאל יא עסן, כי כן צויתי (שם י-יב), אז מען זאל עסן אפילו באנינות אויך. אהרן האט זיך פארענטפערט פאר משה רבינו, און ער האט געזאגט, אפשר איז דא א חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות. עס איז דא קרבנות וואס איז קדשי שעה, די קרבנות וואס מען האט געברענגט ווייל מען האט היינט מחנך

געוועז די משכן, די קרבנות וואס די נשיאים האבן געברענגט צו די חנוכת המזבח, דאס איז קדשי שעה, דאס האט מען נאר מקריב געווען איינמאל היינט, אפשר דאס האט די תורה מתיר געווען צו עסן, אבער די שעיר ראש חודש איז קדשי דורות, און קדשי דורות איז אפשר נישט געווען אינעם ציווי. משה רבינו האט אים גערעכט געגעבן, וישמע משה ויטב בעיניו, הודה ולא בוש, אז ער האט מכוון געווען להלכה. וואס איז דער ענין אז אהרן האט עס פון זיך אליין פארשטאנען, אז עס איז א נפקא מינה צווישן קדשי שעה און קדשי דורות, אז קדשי שעה קען מען עסן באנינות, און קדשי דורות קען מען נישט עסן באנינות. און פארוואס האט משה רבינו דאס נישט פארשטאנען, ביז אהרן האט עס אים געדארפט אויפקלערן און מסביר זיין, און נאכדעם וישמע משה ויטב בעיניו.

**מען** לערנט יעצט אין די חבורה פון 'ובהם נהגה' מסכת יומא. די גמרא (יומא כו.) זאגט, אז עס איז געווען א פייס אין בית המקדש, ווער עס זאל זוכה זיין צו טון די עבודה. ווען עס איז געקומען צו די קטורת, האט מען אויסגערופן חדשים לקטורת בואו והפיסו. נישט יעדער זאל זיך שטעלן צום פייס, נאר ווער עס האט נאך קיינמאל נישט געטון די עבודה פון קטורת, זאלן זיך צו שטעלן צום פייס. די גמרא פרעגט, וואס איז די טעם דערפון, פארוואס דא איז לא שנה בו אדם מעולם, מען איז קיינמאל נישט איבערגעגאנגען, אז א כהן זאל קענען מקטיר זיין קטורת צוויי מאל. זאגט די גמרא, אז די טעם דערפון איז, ווייל קטורת איז מעשרת, קטורת ברענגט עשירות, אזוי שטייט אין פסוק (דברים לג-י) ישימו קטורה באפך וגו' ברך ה' חילו, און מען האט געוואלט געבן א געלעגנהייט פאר יעדן כהן, ער זאל קענען זוכה זיין צו עשירות, האט מען נישט איבערגעגעבן די עבודה פון קטורת פאר א כהן צוויי מאל. פרעגט די גמרא, אי הכי, אויב עס איז אזוי, אז קטורת איז מעשרת, ווייל עס שטייט אזוי אין פסוק, עולה נמי, אין דעם פסוק איז אויך אויסגערעכנט עולה, ווייל אין פסוק שטייט, ישימו קטורה באפך וכליל על מזבחך, און א קרבן עולה איז כליל, מען פארברענט עס אינגאנצן אויפן מזבח, און אויף דעם זאגט מען אויך ברך ה' חילו, דארף דאך דעמאלטס א קרבן עולה אויך ברענגען עשירות. זאגט די גמרא, הא שכיחא והא לא שכיחא. קרבן עולה איז א קרבן וואס איז שכיח, ווער עס האט געוואלט מנדב זיין א עולה, האט געקענט ברענגען א עולה. א עולה איז געווען א זאך וואס איז געווען אסאך אין בית המקדש. אבער קטורת איז א זאך וואס איז נישט שכיח, א יחיד קען נישט מנדב זיין קיין קטורת. טייטשט רש"י, אז עס איז מסתבר, אז ווען די תורה גיט די ברכה פון ברך ה' חילו, האט די תורה עס נישט געגעבן אויף א זאך וואס יעדער קען צוקומען דערצו, ווייל אז יא וועט אויסקומען אז אלע כהנים וועלן זיין עשירים. איז מסתבר אז די ברכה איז נאר געגאנגען אויף די קטורת אליין.

**דער תוספות ישנים** שטעלט זיך, וועם אהרט עס אז יעדער וועט זיין א עושר. פארוואס קען איך נישט זאגן, אז דער באשעפער האט געבענטשט יעדן כהן אז ער זאל האבן די ברכה פון ברך ה' חילו. וואס איז דער חילוק אז דאס איז שכיח, און דאס איז לא שכיח. עס קען זיין אז דער ענין דערפון איז. עס שטייט אין **ישמח משה** (בפתיחה לספר בראשית), ער ברענגט צו א מדרש (ויק"ר ח-ג), אז ווען יודען האבן געזאגט שירה פארן אייבערשטען ביים ים, איז געווען זייער חביב ביים באשעפער די שירה וואס יודען זינגען פארן באשעפער. זאגט דער מדרש ווייטער, ווען די נשיאים האבן געברענגט א קרבן אין טאג פון די חנוכת המזבח, איז עס געווען חשוב ביים אייבערשטען אזוי ווי די שירה וואס יודען האבן געזאגט על הים. גיט צו דער מדרש נאך, די קרבן פון מנחת חביתין וואס אהרן האט געברענגט יעדן טאג צוויי מאל אין טאג, איז געווען חביב ביים אייבערשטען אזוי ווי דער קרבן פון די נשיאים. ער האט אנגעהויבן אז די שירה איז געווען חביב ביים אייבערשטען, און די חנוכה פון די נשיאים איז געווען חשוב, און די קרבן פון אהרן איז אויך אזוי חשוב.

**זאגט** דער הייליגער **ישמח משה**, יעדע נייע זאך ביי א מענטש, טוט ער עס מיט א געוואלדיגען חשק. אין גשמיות שפירט עס יעדער איינער, אבער אפילו אין רוחניות, אין חסידות כתחלתו (רוקח בהקדמה), ווען א מענטש גייט אריין צו א נייע זאך, א נייע עבודה, א נייע דערהער, א נייע ענין אין עבודת ה', טוט ער עס מיטן גאנצן ברען, מיטן גאנצן חיות. עס איז א נייע זאך, וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן די געלעגנהייט דערצו, טוט ער עס בכל

לב. מיט די צייט, ווען ער טוט עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל, ווערט עס שוין אפגעקילט, ער האט שוין נישט די זעלבע געפיל, ווי ער האט געהאט פאר דעם. מען זעהט אז יעדע מצוה וואס קומט מזמן לזמן, איז א מענטש אין א הויכע מצב, ער מאכט א ברכה שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, ער דערלעבט צו טון די מצוה. עס איז די זעלבע מצוה ווי לייגען תפלין יעדן טאג, און אנטון א טלית יעדן טאג, און פון דעסטוועגן דאך דארט איז נישט דא דער ברען וואס איז דא ביי אנדערע מצוות. ווייל א זאך וואס מען טוט טאג טעגליך, ווערט מען צוביסלעך צוגעוואוינט דערצו.

**שירה** על הים האבן יודען געזאגט מיט א געוואלדיגע דערהויבענקייט. נאך צוויי הונדערט יאר זיין אין מצרים, מיט א עינוי און א שיעבוד, אפגעזונדערט פונם אייבערשטען, און דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים, און מען שטייט על הים, ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל (מכילתא בשלח יד), יעדער קען ווייזען מיט די פינגער זה א-לי ואנוהו, מען דארף זיך נישט פארשטעלן אין וואס פארא דערהויבענע מצב יודען זענען געווען. און די שירה וואס מען האט געזאגט איז געווען א דערהויבענע שירה, אזוי ווי די שירת מלאכים. איז עס געווען זייער חביב ביים אייבערשטען. ווען עס איז געקומען שפעטער און מען האט אויפגעשטעלט די משכן, און די נשיאים האבן געברענגט זייערע קרבנות, א נייע זאך, א נייע משכן, השראת השכינה בתחתונים, כביכול דער רבונו של עולם קומט אראפ פון הימל, ושכנתי בתוכם, ער גייט רוען צווישן אונז, און מען גייט יעצט מחנך זיין דעם בית ה', האבן זיי מקריב געווען די קרבנות וואס זיי האבן געברענגט, מיט א געוואלדיגע דערהויבענקייט, אז עס איז געווען דומה די חנוכת הנשיאים אזוי ווי די שירה וואס מען האט געזאגט אויפן ים. דארט איז עס געווען א התחדשות, און די חנוכת המזבח איז אויך געווען א התחדשות.

**ווען** מען איז צוגעקומען צו די קרבן פון אהרן, אהרן האט יעדן טאג, צוויי מאל אין טאג, מקריב געווען די זעלבע מנחת חביתין, איז אהרן'ס עבודה נישט נתיישן געווארן. ביי אהרן איז יעדן טאג וואס ער איז אריינגעקומען אין משכן, און ער האט געברענגט זיין קרבן, איז עס געווען ביי אים כאילו ער האט נאך קיינמאל פארדעם נישט געטון א עבודה פארן אייבערשטן, און ווער ווייסט צו איך וועל עס נאכאמאל טון. יעצט האב איך א געלעגענהייט מקריב צו זיין א קרבן פארן באשעפער, האט ער עס געטון מיטן גאנצן ברען, מיטן גאנצן הארץ, יעדן טאג נאכאמאל און נאכאמאל, עס איז אלץ געווען ביי אים אזוי ווי א נייע זאך. דאס איז א געוואלדיגע חשיבות ביים אייבערשטען. אז עס קילט זיך נישט אפ ביי א מענטש די עבודת ה', אייביג איז עס ביי אים מיט א התחדשות, כאילו היום ניתנו, אזוי ווי היינט האט מען עס געגעבן. חביב קרבנו של אהרן, די קרבן פון אהרן וואס ער האט עס געברענגט טאג טעגליך, און ער האט עס געברענגט צוויי מאל אין טאג, איז געווען חביב ביים אייבערשטען, אזוי ווי די קרבן פון חנוכת המזבח. וואס דאס איז דאך געווען איינמאל וואס מען איז מחנך די משכן, מער וועט עס נישט זיין, און מען האט עס געטון מיטן גאנצן הארץ, אזוי איז אויך געווען די עבודה פון אהרן.

**דער ישמח משה** גיט צו און ער זאגט, פתח דבריך יאיר מבין פתיים (תהלים קיט-קל), ווען עס איז דא א 'פתח דבריך', ווען מען הייבט אן א נייע זאך, און 'יאיר', עס לייכט, 'מבין פתיים', דאס פארשטייט א שוטה אויך, צו דעם דארף מען נישט זיין א גרויסער חכם. אבער 'פי פערתי ואשאפה', עס איז א לשון עבר מיט א לשון עתיד, אז אייביג זאל זיין ביי מיר די זעלבע, דאס איז ביי מיר 'כי למצותיך יאבתי', נאר ווען מען האט א חשק צו די מצוות פונעם אייבערשטען.

**דאס** זעלבע איז געווען ביי הדלקת הנרות אין משכן, האט אהרן יעדן טאג אנגעצינדען די מנורה פערציג יאר, ער האט עס קיינמאל נישט איבערגעגעבן פאר א צווייטען כהן אז ער זאל עס טון. ער האט געטון די עבודה, ווייל דער אייבערשטער האט אים געזאגט, 'בהעלותך' את הנרות (במדבר ח-ב). כאטש עס איז נישט מעכב, א אנדערער קען אויך טון די עבודה, האט ער עס געטון יעדן טאג. ווען מען טוט א עבודה יעדן טאג, איז די ערשטע מאל וואס מען צינדט אן די מנורה איז עס אוודאי געווען מיט א התחדשות. די תורה פארציילט אבער, ויעש כן אהרן, אהרן האט אזוי געטון, מגיד שבחו של אהרן שלא שינה, עס איז נישט געווען ביי אים קיין חילוק צו

מען האט עס איינמאל געטון, צו מען האלט שוין ביי טויזנט מאל אנצינדען די מנורה, אלץ איז עס געווען ביי אים מיט די זעלבע התחדשות. - על כל פנים, א נייע זאך וואס א מענטש טוט, טוט ער עס מיטן גאנצן חשק. א זאך וואס מען ווערט צוגעוואוינט דערצו, מען קען עס טון א אנדערע מאל אויך, פעלט דער התחדשות דערפון.

**א** אונן טאר נישט עסן קיין קרבנות, ווייל א קרבן פונעם אייבערשטער דארף מען עסן מיט א שמחה. יעדע מצוה דארף מען מקיים זיין בשמחה, און כל שכן ווען מען רעדט פון קדשים, וואס עס איז למשחה (במדבר יח-ח), כדרך שהמלכים אוכלין (זבחים כח.), האט די תורה גע'אסר'ט אז א אונן טאר נישט עסן קיין קדשים, ווייל דער עבדו את ה' בשמחה פעלט ביי אים. דא האט אבער דער אייבערשטער געהייסען אז מען זאל יא עסן פון די קרבנות, האט משה רבינו פארשטאנען, ווייל די כהנים זענען אזעלכע דערהויבענע יודען, אז זיי קענען עסן קדשים בשמחה אפילו באנינות אויך, עס שטערט זיי נישט. האט אהרן געזאגט, ניין, די כהנים זענען נישט אין די מדריגה. נאר קדשי שעה, די קרבנות וואס מען האט היינט געברענגט, איין מאל אין לעבן, מער וועט נישט זיין אזעלכע קרבנות. עס איז נישט געווען פארדעם, און עס וועט נישט זיין שפעטער. א מצוה וואס איז קדשי שעה, אויף דעם קען זיך א מענטש מחזק זיין, און אפילו אין זיין גרעסטע צער, אין זמן פון א אנינות, קען ער עס טון מיט א שמחה. דאס קען מען עסן. אבער קדשי דורות, די שעיר פון ראש חודש, וואס מען וועט מארגען אויך מקריב זיין א שעיר ראש חודש, צוועלף מאל אין יאר וועט מען מקריב זיין א שעיר ראש חודש, און מען וועט עס מקריב זיין צענדליגער יארן שפעטער, פעלט די שמחה פון עס טון. אפילו עס איז די ערשטע מאל וואס מען טוט עס, אבער עס איז א זאך וואס מען קען טון שפעטער אויך. אולי לא שמעת אלא בקדשי שעה, אפשר וואס דער אייבערשטער האט געזאגט איז נאר געווען בקדשי שעה, אבער נישט בקדשי דורות.

**משה** רבינו איז אבער געווען אין אזא הויכע מדריגה, אזוי ווי מען זאגט אויף אהרן, אז ביי אים איז נישט געווען קיין חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות. וואס איז א חילוק צו עס איז די ערשטע מאל אדער די צענטע מאל, דינען דעם אייבערשטען דארף אייביג זיין מיט א נייקייט. און אז דער אייבערשטער האט געזאגט אז מען קען עסן באנינות, איז עס נישט קיין חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות, אייביג קען מען עסן באנינות. האט ער זיך געוואונדערט פארוואס מען האט פארברענט דעם קרבן. האט אים אהרן געזאגט, משה, דו ביסט אין א הויכע מדריגה, ביי דיר איז קדשי שעה און קדשי דורות די זעלבע. אבער ביי המון עם איז נישט אזוי, קדשי שעה האט דער אייבערשטער מתיר געווען, אבער קדשי דורות נישט. וישמע משה ויטב בעיניו, עס איז אים געפעלען דער ביאור פון אהרן.

**קטורת** איז מעשרת, קטורת ברענגט עשירות. אבער אז א מצוה זאל ברענגען עשירות, דארף מען טון די מצוה מיטן גאנצן הארץ, אז נישט ברענגט עס נישט אראפ א השפעה פון אויבן אין הימל. קטורת האט געברענגט עשירות, ווייל קטורת איז געווען לא שכיחא, עס איז געווען א זאך וואס איז נישט געווען שכיח, עס איז געווען א זעלטענהייט אז א כהן זאל קענען צוקומען און מקריב זיין קטורת. און ער האט געוואוסט אז לא שנה בה אדם, איך וועל אין מיין לעבן נישט האבן נאכאמאל א זכות מקטיר צו זיין קטורת. א כהן וואס איז אריינגעגאנגען מקטיר זיין קטורת, האט געוואוסט אז דאס איז א איינמאליגע זאך אינעם לעבן, אזאנס וועט ער קיינמאל נישט קענען טון מער, האט ער עס געטון מיטן גאנצן הארץ. און אז מען האט עס געטון מיטן גאנצן הארץ, איז עס מעשרת, ברענגט עס עשירות. ישימו קטורה באפך, איז ברך ה' חילו, ברענגט עס עשירות. עולה איז דאך שכיחא, דו ביסט מקריב א עולה היינט, דו ווועסט מארגען אויך קענען מקריב זיין א עולה, און איבערמארגען אויך. איך האב נעכטען מקריב געווען א עולה, און איך וועל איבערמארגען מקריב זיין א עולה. און א מצוה וואס איז שכיח טוט מען עס נישט מיטן גאנצן הארץ. און אז מען טוט עס נישט מיטן גאנצן הארץ, ברענגט עס נישט קיין עשירות. איז וועגן דעם אז די תורה האט צוגעזאגט עשירות, איז עס נאר געווען אויף ישימו קטורה באפך, אויף דעם איז געזאגט געווארן ברך ה' חילו.

**דער אייבערשטער העלפט, און מען שטעלט אויף א פרישן מקום קדוש פארן אייבערשטען, עס איז זיכער ביי יעדן איינעם פון די מתפללים, וואס פאר זיי איז**

**עס אהערגעשטעלט געווארן, איז עס א געוואלדיגע התחדשות, מיט געוואלדיגע הרגשים. מען האט זיך אזויפיל געפלאגט, און מען איז מחנך יעצט א בית ה', מען קומט אריין מיט א געוואלדיגע מוט, אנצוהייבן מיט א פרישקייט צו דינען דעם באשעפער אין דעם נייעם מקום.** אבער נישט דאס איז דער חידוש, דאס איז מבין פתיים, דאס פארשטייט א פתי אויך, אז פתח דבריך יאיר. די חשיבות איז, נישט נתיישן צו ווערן, אז יעדן טאג זאל זיין די זעלבע געפיל. **ווען מען קומט אין א בית המדרש דארף זיין יעדן טאג די זעלבע געפיל, ווי היינט בין איך מחנך דעם בית המדרש, ווי היינט איז דאס ערשטע מאל וואס איך קום אריין דא דאווענען. אזוי דארף זיין דאס דאווענען, און אזוי דארף זיין דאס לערנען, און אלע מצות און מעשים טובים וואס מען טוט,** עס זאל נישט זיין אזוי ווי קדשי דורות, נאר עס דארף זיין ביי א מענטש מיט אזא דערהויבנקייט, אזוי ווי די קדשי שעה.

*

**איך** האב געוואלט ארויסברענגען א נקודה וואס איז נוגע ווען מען רעדט צווישן אונז. דוד המלך זאגט אין תהלים (קכב-א) שמחתי באומרים לי בית ה' נלך, איך פריי זיך, אז מען זאגט אז מען קען קומען אין בית ה'. עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, אונזערע פוס זענען געשטאנען אין די טויערן פון ירושלים. עס קען זיין דער ענין דערפון איז. אמאל אין חז"ל'ס צייטן, און אין די שפעטערדיגע דורות, איז געווען עקסטער א בית הכנסת און עקסטער א בית המדרש. עס איז געווען א בית הכנסת וואס דאס איז געווען מיוחד נאר צו דאווענען, עפעס אנדערש האט מען נישט געטון דארט. מען האט געדאווענט, און נאכן דאווענען האט מען צוגעשפארט דעם בית הכנסת, און מען האט עס געעפענט צו מנחה און מעריב. און עס איז געווען עקסטער א בית המדרש, וואס דארט איז געווען מיוחד נאר צו לערנען. ברבות הימים האבן זיך זאכן געטוישט, און עס איז זעלטן היינט צו טרעפן א בית הכנסת. אלע בתי כנסיות זענען געווארן בתי מדרשות אויך, מען לערנט און מען דאווענט, עס איז א מקום וואס איז מיוחד פאר תורה ותפלה צוזאמען. די צוויי עמודים פון די וועלט, תורה ותפלה, ווערן אפגעטון אין בית המדרש.

**דאס** איז געווען ביז אמעריקא בעיקר. היינט איז עס אנדערש, **א בית המדרש גיט אסאך און אסאך מער צו, ווי דאס אז ער האט א פלאץ וואו עס איז דא א מנין צו דאווענען, און ער האט א מקום וואו ער קען לערנען.** די וועלט שטייט אויף תורה און עבודה און גמילות חסדים, און אלעס ווערט נכלל היינט אין דעם מקום קדוש, אינעם בית המדרש. **היינט, וואס די גאס איז אזוי טריפה, יעדע ריר וואס מען רוקט זיך ארויס פונעם בית המדרש, איז מען אין א אנדערע וועלט מהיפך להיפך פון וואס א בית המדרש דארף צו זיין, איז דער בית המדרש ווי די תיבה אינעם דור המבול.** מען איז אפגעזונדערט פון די וועלט, די **פלאץ איז מוקדש פאר תורה ותפלה.**

**דאס חיות וואס א יוד האט אין עבודת ה', נעמט זיך פונעם בית המדרש, און בעיקר פון די שבתים, וואס מען קומט זיך צוזאם, און מען דאווענט ערליך, יעדער גיסט זיך אויס דאס הארץ פארן אייבערשטען. א בית המדרש וואו עס איז דא א חשוב'ער דיין, און ערגעץ אנדערש א רב וכדומה, וואס איז משפיע אויפן מקום. די שעה פון שלש סעודות וואס איז מוקדש פאר א יוד בינו לבין קונו, הערן דברי תורה, הערן דברי מוסר, דאס גיט די כוחות אויף א גאנצע וואך שפעטער, אז מען זאל זיך קענען האלטן ווי עס דארף צו זיין. אויב דער שבת טוישט נישט דעם מענטש, דער שבת האט אים גארנישט צוגעגעבן, נאר ער האט אפגעדאווענט, און ער איז ארויסגעגאנגען נאכדעם אזוי ווי ער איז געווען פריער, האט ער נישט קונה געווען פון א בית המדרש וואס ער דארף צו זיין. און דאס איז דער ענין פארוואס יעדע קרייז האט פאר זיך עקסטער א בית המדרש מיט זייער חברותא, ווייל מען איז קונה אין א בית המדרש אסאך און אסאך מער ווי די עצם תורה ותפלה וואס מען דאווענט דארט.**

**די** קנין איז א רוחניות'דיגער קנין, און א גשמיות'דיגער קנין, און איך וועל עס צולייגען אביסל. די רוחניות'דיגער קנין איז, **אז מען זיצט א חברותא פון חברים צוזאמען, און מען קוקט ארויף איינער אויפן צווייטען. מען האט דאך אלע אינאיינעם געלערנט, אלע זענען געהאדעוועט געווארן צוזאמען, און מען קוקט אן ווי אזוי דער חבר דאווענט, ווי אזוי דער חבר רעדט, ווי אזוי זיין הנהגה איז, ווערט מען נשפע, ווייל א מענטש ווערט**

**נאכגעצויגן נאך די חברותא ווי ער איז. און בעיקר די חברותא וואס ער איז נאנט צו אים, פון דארט טוט ער קונה זיין. ווען ער זעהט ווי אזוי מען פירט זיך אויף, ווי אזוי דער חבר דאוונט, ווי אזוי עס איז זיין ערנסטקייט ביים דאווענען, וואס פארא טעלעפאן ער האט ביי זיך, די אלע זאכן זענען משפיע איינער אויפן צווייטען,** אפילו נישט דירעקט ממש, אבער אומדירעקט איז עס משפיע.

**עס** שטייט אין די גמרא (בבא בתרא כא.) אז מעשר שני האט מען געדארפט עסן אין ירושלים. יעדער וואס האט געהאט מעשר שני, און יעדער האט דאך געהאט מעשר שני, האט עס געדארפט ארויפטראגן אויף ירושלים, און דארט האט מען עס געדארפט עסן, למען תלמד ליראה את ה' אלקיך (דברים יד-כג), כדי דו זאלסט זיך אפלערנען מורא צו האבן פונעם אייבערשטען. און תוספות (בבא בתרא שם) ברענגט צו א ספרי, וואס איז דער למען תלמד ליראה את ה' אלקיך. א יוד האט געוואוינט פארווארפען אין ארץ ישראל, און ער האט געדארפט עסן מעשר שני, איז ער ארויפגעקומען קיין ירושלים, און ער האט זיך דארט ארומגעדרייט. ירושלים איז געווען א שטאט שכולו סופרים, ערליכע יודען, כהנים עובדי ה' האבן זיך ארומגעדרייט דארט, און ער האט זיך ארומגעדרייט און זיך אומגעקוקט אין די צייט וואס ער האט געגעסן זיין מעשר שני, האט ער געזעהן די הנהגה ווי אזוי די אנשי ירושלים פירן זיך. זאגט תוספות, אז דאס האט משפיע געווען יראת ה', אז ווען דער יוד איז אהיימגעגאנגען שפעטער פון ירושלים, איז ער אוועקגעגאנגען א אנדערער סארט יוד, ווי וואס ער איז געווען פארדעם. ער האט צוגעקוקט ווי אזוי אלע זענען מכוונים לבן לשמים, ווי אזוי מען קוקט ארויף צום אייבערשטען, און מען זוכט צו טון מצות און מעשים טובים, האט עס מקדש געווען דעם מענטש. למען תלמד ליראה את ה' אלקיך, ער האט זיך אפגעלערנט פון דעם, ווי אזוי מען דארף מורא האבן פונעם אייבערשטען. און אזוי דארף זיין א בית המדרש. **דער בית המדרש דארף זיין א פלאץ למען תלמד ליראה את ה' אלקיך, הערן דברי מוסר, הערן דברי תורה, האבן פאר זיך א ראש וואס ער זאל משפיע זיין, מען זאל זיך קענען אפלערנען פון זיינע דרכים. אהבת חברים, זיך אראפלערנען ווי אזוי מיין חבר פירט זיך, פארוואס זאל איך נישט האבן אזא שיינע שטוב ווי דער חבר האט.**

אומדירעקט ברענגט עס א געוואלדיגע התעלות פאר א יוד, ווען ער נוצט עס אויס ווי עס דארף צו זיין.

**האט** דוד המלך געזאגט, שמחתי, איך פריי זיך, באומרים לי בית ה' נלך, ווען איך דארף גיין אינעם בית ה', פריי איך זיך אז איך קען גיין אינעם בית ה'. וואס איז די חשיבות פונעם בית ה'? מען קען נישט לערנען אינדערהיים? מען קען נישט דאווענען מיט א מנין ערגעץ אנדערש? אבער ווען איך קום אין בית המדרש, עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, איך שטיי דארט אזוי ווי א יוד וואס איז ארויפגעקומען קיין ירושלים עסן זיין מעשר שני, וואס עס איז געווען למען תלמד ליראה את ה' אלקיך, אזוי איז מיין בית ה'. און **אויב דער בית ה' וואו ער קומט דאווענען, טוט אים נישט צוברענגען, צום למען תלמד ליראה את ה' אלקיך, איז דאס נישט א בית ה' וואו מען דארף צו גיין.** נישט דאס איז די נקודה. אוודאי האט א חשיבות תורה און תפלה, מען רעדט אבער די נקודה וואס טוט דערצו מער. **ווען מען קומט אין א בית ה', דארף עס זיין אזוי ווי ווען איך בין אהיימגעפארן פון ירושלים, וואס איך האב עפעס מיטגענומען מיט מיר, אזוי דארף זיין יעדע מוצאי שבת ווען מען גייט ארויס פון בית המדרש, מען דארף עפעס מיטנעמען מיט זיך, על כל פנים אז עס זאל זיך האלטן אויף איין וואך. די קומענדיגע שבת וועט ער באקומען א פרישן אינדזשעקשא"ן, וואס ער זאל קענען נוצן אויף נאך א וואך. אבער דעם שבת דארף ער ארויסנעמען פון זיך, וואס ער קען, אז עס זאל אים קענען העלפן אויף די וואך שפעטער.** דאס איז די עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, ווען מען איז געגאנגען אין בית ה', איז עס געווען כאילו מען איז געקומען עסן מעשר שני אין ירושלים, און מען איז אזוי אהיימגעגאנגען. דאס איז דער רוחניות'דיגער חלק.

**אבער א בית המדרש היינט, ווען עס איז מיט א חברותא צוזאמען, איז עס א עמוד פון גמילת חסדים. יעדער איינער האט זיך זיין פעקל, קיינער איז נישט פריי דערפון, זה בכה וזה בכה, איינער פלאגט זיך אויף פרנסה, איינער פלאגט זיך לא עלינו מיט קינדער, איינער פלאגט זיך מיט געזונט. אמאל איז עס נוגע פאר אים, אמאל פאר זיין בני בית, אמאל פאר זיינע קינדער, און מען איז אלץ אנגעוויזן אויף**

**חסד פון איינעם צום צווייטען. יעדער איינער קען ארויסהעלפן דעם צווייטען מיט וואס ער דארף צו האבן. אבער ער קען דאך נישט אנקלאפן ביי יעדן איינעם אויף די טיר, צו בעטן הילף ווען ער דארף עס צו האבן. א חברותא וואס דאווענט צוזאמען, און מען איז אינאיינעם, קען מען אלץ ארויסבאקומען ביים חבר וואס עס קוועטשט אים. ווען מען זעהט אז זיין פנים איז נישט אזוי ווי ער האט אויסגעקוקט די פאריגע וואך. עפעס קוועטשט אים, האט ער זיך וואו אויסצורעדן. און אמאל איז דאס עצם אויסרעדן אליין, א האלבע רפואה פארן מענטש. ער קען ארויסגעבן זיין צער, און יענער קען אים מחזק זיין. אמאל איז עס א זמן פון שמחה, און אמאל איז ענג פאר א מענטש, און ווען מען איז צוזאמען, העלפט מען זיך ארויס איינער דעם אנדערן. יעדער מקום, יעדער בית המדרש ווי עס איז דא א חברותא צוזאמען, איז א געוואלדיגער מקום חסד, עס איז נישט מעגליך צוצוקומען צו די חסד פון די גאס, עס איז נאר מעגליך ווייל מען איז צוזאמען, און ווייל מען דרייט זיך צוזאמען, העלפט מען זיך ארויס איינעם דעם צווייטען. א בית מדרש איז היינט געווארן נישט נאר א מקום פון תורה און פון תפלה, דאס איז בשעת מען לערנט און מען דאווענט, אבער די שעות פון פארדעם און נאכדעם, איז געבויט אויף גמילת חסדים. דאס איז דער חשיבות אז מען קען גיין אין א בית ה' וואס וועט אים ברענגען נישט נאר תורה מיט תפלה, נאר עס זאל זיין תורה מיט תפלה און גמילת חסדים. דאס איז די חשיבות וואס מען קומט זיך צוזאמען, און מען איז צוזאמען.**

**אין** מאנסי וואוינט דער עולם אביסל צושפרייט, מען קען נישט פארלאנגען אז מען זאל קומען דאווענען אין דעם מקום, ווייל מען וואוינט דאך ווייט, און נישט יעדער קען קומען. ער קומט מזמן לזמן, אבער ער קען נישט בקביעות. **אבער אינדערוואכן, איז דא היינט קארס, און יעדער קען קומען צו די שיעורים ביינאכט אין בית המדרש. און אויסער די חשיבות פון תורה צוזאמען, טרעפט מען זיך איינער מיטן צווייטען, און מען קען נהנה זיין א עצה ותושיה, וואס יעדער קען באקומען ווען ער דארף עס האבן. ווען ער דארף עס אין די ריכטיגע מינוט, אז ער זאל עס קענען האבן איינער פונעם צווייטען, איז אסאך תלוי פון דעם וואס מען האלט זיך צוזאם. אז דאס יראת ה' זאל נישט ווערן אפגעקילט פון די גאס, מען קומט זיך צוזאם מיט חברים צוזאמען, און מען הערט א גוט ווארט, וויסן זיך מחזק זיין איינער דעם אנדערן, דאס האלט די ווארימקייט אין יודישקייט, וואס מען דארף צו האבן.**

*

**די** גמרא (מגילה כט:) זאגט, עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל, און עס איז דא פלעצער וואס עס שטייט אז די בתי כנסיות און בתי מדרשות וועט נקבע ווערן אינעם בית המקדש (עיין במהרש"א שם). א מקום וואס האט נישט געהאט אין זיך דעם ריכטיגען בית ה' נלך, וועט נישט אנקומען אויפן ריכטיגען פלאץ. אבער אויב מען איז מקדש א בית המדרש, אז עס זאל זיין א אמת'דיגער בית ה', א מקום פון השראת השכינה, א פלאץ וואס עס איז תורה און עבודה און גמילת חסדים צוזאמען, וועט מען זוכה זיין, אז מען וועט עס קענען מיטנעמען ווען משיח וועט קומען, און עס קובע זיין אין ירושלים עיר הקודש.

**עס** שטייט אין מדרש (ויק"ר ב-ב), אז כל מקום שנאמר לי, וואו עס שטייט 'לי', מיינט עס לעולם ולעולמי עולמים. עס מיינט נישט נאר פאר יעצט, נאר א זאך וואס בלייבט אויף אייביג, רופט מען אן 'לי'. האט דוד המלך געזאגט, שמחתי באומרים 'לי' בית ה' נלך, איך פריי זיך ווען מען זאגט אויף א בית ה', אז 'לי', דאס איז קיים לעולם ולעולמי עולמים. ווי אזוי קען עס זיין, אז עס זאל זיין קיים לעולמי עד? מען וועט עס דאך איבערלאזן דא אין גלות? נאר עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, מיר וועלן דאס מיטנעמען קיין ירושלים צוזאמען, ווען משיח וועט קומען וועט מען עס מיטנעמען אהין, און דארט וועלן מיר ווייטער ממשיך זיין צו דינען דעם אייבערשטען. דער באשעפער זאל געבן, ונזכה ונחיה ונראה.

**איך וויל באדאנקען פאר די אלע וואס האבן צוגעשטעלט אזויפיל צייט, און כח, און געלט, אהערצושטעלן דעם מקום. איך מיין אז איך וואלט געדארפט גיין אין די רייע און אויסרעכענען כמעט יעדן איינעם וואס זיצט דא, יעדער איינער האט מיט הארץ געטון צו דעם מקום, אז עס זאל קענען אהערגעשטעלט ווערן. אי אפשר לפרטם כי רבים**

**הם, אבער איך וויל זיי אנוואונטשען, און איך וויל זיי באדאנקען דערויף, דער באשעפער זאל זיי העלפן, אז מען טוט פאר א בית ה', באצאלט דער באשעפער נאכדעם צוריק אינעם אייגענעם בית. ווען א יוד טוט פאר א צווייטען, גייט עס קיינמאל נישט צוגרונד, עס גייט קיינמאל נישט לריק. וואס דו טוסט פאר א אנדערן, באצאלט עס דער באשעפער נאכדעם ביי זיך אינדערהיים. אז מען טוט אויפשטעלן א בית ה', א מקום וואו עס זאל זיין א השראת השכינה, א מקום פון תורה ותפלה. יעדע פלאג וואס מען האט אריינגעלייגט, א יעדע פרוטה וואס מען האט אריינגעלייגט, יעדע שעה וואס מען האט אריינגעלייגט דערין, טוט דער אייבערשטער אוועקנעמען מניעות און מניעות וואס קענען אנקומען אויף א מענטש.**

**דער** באשעפער זאל געבן, אז אלע זאלן געבענטשט ווערן מיט פרנסה בהרחבה, מיט בריאת השלימות, בני חיי ומזוני רויחי, און אלעס וואס מען דארף האבן. דער באשעפער זאל געבן פאר אונז אלע, אז מיר זאלן קענען אויסנוצן דעם בית המדרש וואו עס דארף צו זיין. איך וויל וואונטשען פארן חשוב'ן דיין, דער באשעפער זאל אים געבן כוחות ווייטער אויך, אז ער זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה מתוך נחת והרחבת הדעת. - מען האט עס א נאמען געגעבן נאכן טאטן ז"ל, איך בין זיכער אז עס איז פאר אים א עילוי נשמה, נאך אזויפיל יארן וואס מען קען צושטעלן א בית המדרש וואס זאל האבן א נאמען לשמו לזכרו, זאל ער זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע. דער באשעפער זאל אונז געבן, אז מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת תזריע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **הערשל** (ב"ר בנציון שלום) **שפיץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר מעריב הגיע **כ"ק האדמו"ר מויזניץ שליט"א** לביקור אצל **רבינו שליט"א.**

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** מען איז אויסגעמוטשעט פונעם וועג?

**האדמו"ר מויזניץ:** עס איז נארמאל, חולשא דאורחא. אבער מען איז דאך געקומען צו א שמחה, א תנאים.

**רבינו:** מען האט געוואוסט אזוי אויסצורעכענען פון פאר דעם אז עס וועט זיין א תנאים...

**האדמו"ר מויזניץ:** עס איז ממש אזוי מן השמים. איך וואלט געקומען עקסטער אויך... אבער אזוי דארף מען שוין נישט קומען. - איך פאר אי"ה קיין אוקריינא נאך פאר פסח, וועל איך שוין פארן מיט ביידע חתנים.

**רבינו:** עס איז געווען די פאריגע וואך די יארצייט פונעם **ישועות משה זצ"ל**. מען האט אין דעם טאג געשלאסן דעעם שידוך.

**האדמו"ר מויזניץ:** איך בין געווען ביים ציון פארדעם, האב איך געזאגט, אז מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס. איך האב געזאגט פאר מיין טאכטער, דעם יחוס דארפסטו נישט זוכן אסאך.

**רבינו:** נאר יחוס עצמו.

**האדמו"ר מויזניץ:** די וועלט זאגט א ווערטל, אז מען איז צופרידן איינמאל, קומט מען נאכאמאל.

**רבינו:** ביי ענק איז געווען שכיח אז מען האט זיך משדך געווען מיט די משפחה?

**האדמו"ר מויזניץ:** יא אסאך מאל. מיין שוואגער מיט מיין שוועסטער זענען עכטע שוועסטער קינדער.

**רבינו:** פאר די קריג אויך?

**הר"ר חיים מאיר מארקאוויטש הי"ו:** עטליכע מאל. דער **אהבת ישראל** האט זיך משדך געווען מיט צוויי אייניקלעך. דער **סקאלער רב** איז געווען א איידעם ביים **אהבת ישראל**, און זיין טאטע איז געווען א איידעם ביים **צמח צדיק**. דער **הוראדענקער** איז געווען א איידעם ביים **אנטוניא'ער**, ער האט געגומען דעם ברודער פאר א איידעם. און דער **אהבת ישראל** האט זיך משדך געווען מיטן **עטרת ישועה**. און **רבי יהודא'לע**, **רבי אלתר דזיקוב'ער** זון, איז געווען א איידעם ביים **אמרי חיים**.

**הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א:** איך בין געבוירן דורך א ברכה פונעם **אהבת ישראל**. מיין מוזאי'ער באבע איז געווען א דזיקוב'ער אייניקל, א נעפיו פונעם **אהבת ישראל**, זי איז געווען דעם **ריינזשעוו'ער רב'ס** טאכטער. און דער **ריינזשעווער רב** האט נישט געהאט קיין קינדער פאר איין און צוואנציג יאר נאך די חתונה. און זי איז אמאל געווען ביים פעטער, דער **אהבת ישראל**, שבת אינדערפרי

ביי קידוש, און זי האט זייער שטארק מפציר געווען אז ער זאל צוזאגן א קינד. און מען האט געפועל'ט, ער האט צוגעזאגט. האט דער זיידע געבעטן, אז עס זאל זיין א בן זכר. האט ער געזאגט, און א נקבה איז שלעכט. און א יאר שפעטער איז געבוירן מיין באבע, צוויי און צוואנציג יאר נאך די חתונה. און זי איז געווען א איינציג קינד.

**האדמו"ר מויזניץ:** אינדערהיים האט מען געזאגט, אז קינדער ליגט אין וויזניץ. איך ווייס נישט צו די מעשה איז א בר סמכא, אבער איך האב געהערט אז איינער איז געקומען צום **סאטמארער רב** נאך א ברכה אויף קינדער, האט ער אים געזאגט, גיי אריבער צום **וויזניצער רבי** ער איז דא, און דארט קענסטו פועל'ן.

איך האב געהערט פון רבי יונה עסטרייכער, ער איז געווען א פארברענטער סאטמארער חסיד, איך פלעג זיך טרעפן מיט אים אין שווייץ. האט ער מיר געזאגט, אז אמאל איז דער **אמרי חיים** געווען אין וויליאמסבורג, איז נאכדעם וואס דער **סאטמארער רב** האט געענדיגט די טיש פרייטאג צו נאכטס, איז ער אריבער געגאנגען צום **אמרי חיים** צום טיש. נאכן טיש ווען ער האט געוואלט אהיימגיין, האט ער באמערקט אז ער האט נישט די שליסלעך פון שטוב, ער האט נישט געוואלט אויפוועקן דאס ווייב, איז ער געגאנגען אין בית המדרש. און דער **סאטמארער רב** האט אים באמערקט, און ער פרעגט אים, וואס טוסטו דא? ביסט אפשר געווען ביים **וויזניצער רבי** ביים טיש? זאגט ער, יא. און דער **סאטמארער רב** האט אים אויסגעפרעגט פונקטליך ווי אזוי די טיש איז געווען, און וואס ער האט געזאגט ביי די תורה. און ער האט אים איבערגעזאגט, און דער **סאטמארער רב** האט געזאגט, אזוי, אזוי זאגט ער?!

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מויזניץ:** לחיים דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זעהן צוזאמען אסאך נחת.

**רבינו:** אמן, מתוך שמחה וטוב לבב. עס זאל זיין א גוטע התחלה אויף ווייטער אי"ה.

**האדמו"ר מויזניץ:** די טאטע פלעגט זאגן, די צוג פארט ווייטער.

**האדמו"ר מויזניץ מסר לרבינו שליט"א**

**ספר מנחת חינוך המבואר**

**האדמו"ר מויזניץ:** מען האט יעצט געלערנט לכבוד די יארצייט פונעם טאטן **מוסף השבת** פונעם **מנחת חינוך**, און מען האט געמאכט א פירוש אויף אלע מלאכת שבת אזוי ווי שוטנשטיין, עס זאל זיין לייכט צו לערנען.

**הרה"ג רבי יהושע:** איך בין אמאל געווען אויף ראש השנה און יום כיפור ביים **ישועות משה**, און ער האט מיך געגעבן א מנחת חינוך, און ער האט אריינגעשריבן.

*

בשעות הערב נתאספו קהל עדתינו לשמוח בשמחת עטרת ראשינו **מרן רבינו שליט"א**, שמחת התנאים של נכדו החתן המופלג בתוי"ש הרב **שלמה זלמן** שליט"א, בן **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א** ר"מ בישיבתנו הק', עב"ג הכלה הבתולה המהוללה תחי', בת ש"ב **הרה"ג רבי אשר אנשיל כ"ץ שליט"א** (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א, חתן הגה"צ רבי יחיאל מיכל פריעד זצ"ל אב"ד קראסנא), שהתקיימה ברוב פאר והדר בבית מדרשנו הגדול, בהשתתפות הרבנים הגאוה"צ קרובי ומחותני המשפחה שליט"א, כשבראש המסובין פארו הסבים **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, כ"ק האדמו"ר מויזניץ שליט"א, כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א.**

אחר הריקודים ושתיית לחיים נשמעו דברי תורה מהסב **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**. לאחר מכן סידר **רבינו שליט"א** את שטר התנאים, וכיבד את המחותן **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א** בקריאת התנאים. לאחר שבירת הצלחת על ידי הסבים שליט"א פרצו כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין למשך זמן. אחר הריקודין שר **כ"ק האדמו"ר מויזניץ שליט"א** את הניגון אודה ה' בכל לבב, ואת הניגון העתיק חסדי ה' כי לא תמנו. אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד השמחה.

אחר כך עברו מאות אנ"ש תלמידים וחסידים לברכת לחיים ואמירת מזל טוב **לרבינו שליט"א** והמחותנים שליט"א. ויהא רעוא שמשמחה זו יושפע שמחה ורב טוב לנו ולכל בני ישראל.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן אלע חשובע משתתפים וואס זענען געקומען אטייל נעמען אין אונזער שמחה, דער אייבערשטער זאל געבן ביי ענק אין די שטובער שטענדיג שמחות מיט פריילינע הערצער. ראשית דבר וויל איך אפגעבן א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, דער אייבערשטער העלפט, אז מען איז מחנך

קינדער, און מען זעהט ווי אזוי די דורות ציען זיך ווייטער, בנים ובני בנים וואס גייען על דרך ישראל סבא, קומט זיך א שבח והודאה פארן רבונו של עולם, שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה. ווען מען זעהט ווי אזוי די דורות ציען זיך ווייטער, און מען שטעלט אויף ווייטער ערליכע יודישע שטובער, איז עס א עקסטערע שמחה.

**אונזער** שמחה הײנט איז א דאפעלטע שמחה, דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מען האט געטון א שידוך אין די משפחה אליין, מען האט זיך משדך געווען מיט א אייניקל פונעם חשובן ברודער, וואס מען דארף אים נישט ארויסברענגען, עס איז פקיע שמיה. מיר זענען קינדער פון איין טאטן, אייניקלעך פון איין זיידן זענען זיך משדך אינאיינעם. די גמרא (כתובות יז.) זאגט, אז רב שמואל בר רב יצחק הוה מרקד אתלת. דארט רעדט מען פון דריי הדסים, וואס ער האט משמח געווען א חתן וכלה. די חתן איז דריי דורות פון מיין טאטן ז"ל, און די כלה איז דריי דורות פון מיין טאטן ז"ל. עס איז מרקד א'תלת', עס איז א עקסטערע שמחה אז מיר האבן זיך משדך געווען, פארשטערקערן די קשר צוזאמען.

*

**מען** געפונט ביי אברהם אבינו, בשעת ער האט געדארפט זוכן א שידוך פאר יצחק, האט ער געשיקט אליעזר, אז ער זאל גיין צו זיין משפחה, ארצו ומולדתו, און דארט זאל ער זוכן א שידוך. און ער האט געטראפן שפעטער רבקה, און ער האט געדאנקט דעם אייבערשטען, אנכי בדרך נחני ה' בית אחי אדוני (בראשית כד-כז), אז דער אייבערשטער האט אים געפירט אויפן ריכטיגען וועג, און איך בין אנגעקומען אין שטוב פון מיין אדון'ס ברודער. און דער פסוק פארציילט דארט, אז ווען אליעזר האט געטראפן רבקה, פאר מען האט געשלאסן דעם שידוך, האט ער תיכף געזעהן אז דאס איז מן השמים, די סימנים האבן געשטימט, איז ער געגאנגען און ער האט געגעבן מתנות פאר די כלה. ער האט איר געגעבן א נזם זהב בקע משקלו, די וואג דערפון איז געווען א בקע. נאכדעם האט ער איר געגעבן שני צמידים על ידיה, צוויי האנד באנד'ס, וואס איז געווען עשרה זהב משקלה. און אז די תורה פארציילט עס אזוי בפרטיות, מיינט נישט די תורה צו פארציילען ווי אזוי דזשולער"י האט אויסגעקוקט, נאר די תורה מיינט ארויסצוברענגען דערמיט אזוי ווי רש"י טייטשט, אז ער האט איר געזאגט, וואס פאר א שידוך דו טוסט, אין וואס פאר א שטוב דו קומסט אריין. דו קומסט אריין אין א שטוב פון תורה. נזם זהב בקע משקלו, ביי אונז גיט יעדער יוד א מחצית השקל אינעם בית המקדש. אונז גיי מיר מקבל זיין א תורה, די שני צמידים, זענען שני לוחות, עשרה זהב משקלה, עס איז דא דערויף צען דברות. ער האט איר געוויזען, אז זי זאל וויסען וואס פאר א שידוך זי טוט, עס איז א שטוב פון תורה און עבודה. די וועלט שטייט אויף דריי זאכן, אויף תורה און עבודה און גמילת חסדים. גמילת חסדים האט ער געזעהן אז עס איז דא ביי די כלה, דאס איז געווען זיין סימן אז זי האט געזאגט, גם לגמליך אשקה, זי האט געגעבן צוטרינקען פאר אים און פאר די גמלים. אבער גמילת חסדים אליין איז נישט גענוג, ביי אונז איז צוזאמגעשטעלט א וועלט פון תורה און עבודה און גמילת חסדים. ווען דו וועסט קומען אין שטוב פון אברהם אבינו, וועסטו אויך טרעפן דארט תורה און עבודה. עס דארף אבער נאך אלץ האבן א ביאור, וואס האט די תורה ארויסגעברענגט פונקט די ענין פון מחצית השקל, אז ער האט איר געוואלט מרמז זיין בקע משקלו, אז עס איז נאר א האלבע שקל. עס ליגט אין דעם עפעס א לימוד וואס מען דארף זיך אפלערנען.

**מען** געפונט אין מדרש (ב"ר א-י), אז די תורה הייבט זיך אן מיט א אות ב', ב'ראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א-א). דער מדרש שטעלט זיך, פארוואס בריאת העולם הייבט זיך אן מיט א אות ב'. זאגט דער מדרש, ווייל ב' איז א לשון ברכה, 'ברכה' הייבט זיך אן מיט א ב'. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער געוואלט אז עס זאל זיין א ברכה אין די וועלט, האט ער אנגעהויבן בריאת העולם מיט א ב'. א' איז די פארקערטע, 'ארור'. האט די תורה נישט געוואלט אנהייבן מיט א א', האט ער אנגעהויבן מיט די אות ב', וואס איז רומז אויף א ברכה.

**עס** שטעלט זיך אבער א קשיא דערויף, ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה פאר יודען, האט ער יא אנגעהויבן מיט א א', א'נכי ה' אלקיך (שמות כ-ב). אויב דער אייבערשטער איז אזוי מדקדק אז מען

זאל נישט אנהייבען מיט א א', נאר מען זאל אנהייבען מיט א ב' וואס איז א לשון ברכה, פארוואס ווען ער האט געגעבן די תורה, האט ער אנגעהויבן מיט אנכי ה' אלקיך? ער וואלט דארט אויך געדארפט טרעפן אווארט וואס הייבט זיך אן מיט א ב' וואס איז א לשון ברכה.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. עס שטייט אין די גמרא (בבא מציעא פה:) אז ביים חורבן בית המקדש האט מען געפרעגט די חכמים און די נביאים, על מה אבדה הארץ (ירמיה ט-יא), פארוואס איז געקומען דער חורבן. און קיינער האט נישט געוואוסט צו ענטפערן, ביז דער אייבערשטער האט אליין געזאגט, על עזבם את תורתי ולא הלכו בה ולא שמעו בקולי. און די גמרא איז עס מסביר, שלא ברכו בתורה תחלה. אז בשעת מען האט געלערנט תורה, האט מען נישט געזאגט קודם ברכת התורה, און וועגן דעם איז געקומען אבדה הארץ. און דאס דארף אויך האבן א ביאור, פאר דעם קומט נאך נישט קיין אבדה הארץ, ווייל מען האט פארפעלט צו זאגן ברכת התורה.

**עס** איז דא א ווארט, איך מיין אז עס שטייט פונעם **חתם סופר**, ווען א מענטש בענטשט זיך, אדער די קינדער, די חברים, מיט א ברכה איינער פארן צווייטען, וואס עס איז ביי אים אין הארצן, וואס עס איז ביי אים די חשוב'סטע, דאס איז ער קודם מזכיר, ווייל דאס איז ביי אים די עיקר ציל אין זיין ברכה. נאכדעם גיט מען צו נאך א ברכה, און נאך א ברכה. די ערשטע זאך מיט וואס מען הייבט אן, איז וואס עס איז ביי אים די חשובסטע אין הארץ, מיט דעם הייבט ער אן זיין ברכה. ביי איינעם וואס דער עולם הזה שפילט ביי אים א ראלע, זיין גאנץ לעבן איז פאר עולם הזה, איז ווען ער גיט א ברכה פאר יענעם, וואונטשט ער אים אן, דער אייבערשטער זאל העלפן, אז דו זאלסט זיין א עושר, דו זאלסט האבן אסאך געלט, און דו זאלסט מאכן גרויסע געשעפטן וכדומה, און נאכדעם וועט ער צוגעבן, אז ער זאל האבן א ערליכע שטוב, אבער דאס קומט שוין ביי אים שפעטער. א ערליכער יוד ווען ער גיט א ברכה, איז די ערשטע זאך תורה עבודה און יראת שמים. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז דו זאלסט אליין שטייגען אין תורה, דו זאלסט האבן קינדער תלמידי חכמים, און אזוי ווייטער, דאס איז די עיקר פון די ברכה.

**אונז** בענטש מיר ראש חודש יעדן חודש, אין די נוסח פון ברכת החודש בעהט מען קודם, אז דער אייבערשטער זאל אונז געבן 'חיים שיש בהם יראת שמים ויראת חטא', א לעבן פון יראת שמים. נאכדעם גיט מען צו 'חיים של עושר וכבוד', ווייל כדי צו קענען האבן א חיים של יראת שמים, דארף מען האבן עושר וכבוד. און אמאל איז דא וואס דער עושר וכבוד פארפירט נאכדעם פון תורה, גיט מען צו נאכדעם אז עס זאל בלייבן א 'חיים שיש בהם אהבת תורה ויראת שמים'. ווייל אונזער ציל איז תורה. עושר וכבוד איז נאר כדי מען זאל קענען צוקומען צום שלימות פון תורה דארף מען עס האבן, אבער די עיקר פון א ברכה ביי א ערליכען יוד, איז די חשיבות פון תורה.

**ווען** מען בענטשט זיך איינער דעם צווייטען, און עס איז נישט די תורה פריער אינעם ציל. די עיקר איז עולם הזה, עשירות און כבוד, און אנדערע ענינים וואס עולם הזה נעמט מיט זיך מיט, און נאכדעם גיט מען צו תורה אויך, ווייזט דאס אז די תורה האט נישט ביי אונז א חשיבות. על מה אבדה הארץ, פארוואס איז געקומען דער חורבן, מפני שלא ברכו בתורה תחלה, בשעת מען האט געגעבן א ברכה, איז עס נישט געווען דער אנהייב פון תורה. מען האט נישט אנגעהויבן צו געבן די ברכה מיט תורה, מען האט אנגעהויבן צו געבן א ברכה מיט אנדערע זאכן, עס איז נאר צוגעקומען שפעטער תורה אויך. דאס איז די חשיבות פון א ברכה פון א ערליכער יוד, שברכו בתורה תחלה. די עיקר איז ביי אונז תורה. די איבריגע זאכן איז נאר, ווייל מען דארף דאס אויך האבן.

**ווען** דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, האט דער אייבערשטער אנגעהויבן די תורה מיט א א'. ווייל דאס איז דער א', די ערשטע זאך ביי אונז איז די תורה הק', אן תורה איז נישט דא גארנישט, תורה דאס איז כי הם חיינו ואורך ימינו, דאס איז אונזער לעבן. עולם הזה דאס איז דער ב', דאס איז די צווייטע, עולם הזה דאס איז נישט דער א'. דער בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, די בריאה פון עולם הזה, איז ביי אונז די צווייטע, און וועגן דעם הייבט זיך עס אן מיט א ב'. תורה הייבט זיך אן מיט א א', און עולם הזה איז ביי אונז דער ב'. ווייל אויב עולם הזה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן את השמים ואת הארץ הייבט זיך אן ביי

אונז מיט א א', איז עס א ארור. עולם הזה איז נישט קיין א'. די תורה ווען עס הייבט זיך אן מיט א א', דאס איז די ברכה. און די ברכה פון עולם הזה איז, ווען עס הייבט זיך אן מיט א ב'. וועגן דעם איז די תורה געגעבן געווארן מיט א א', צו ווייזן אז תורה איז ביי אונז די ערשטע, און עולם הזה איז ביי אונז די צווייטע.

**די** תורה ווערט אויך אנגערופן די בחינה פון א אשה. תורה צוה לנו משה מורשה (דברים לג-ד), אל תקרי מורשה אלא מאורסה (פסחים מט:), די תורה איז אויך א כלה. ויהי ככלותו לדבר (שמות לא-יח), זאגט רש"י, אז דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן די תורה פאר משה רבינו, ככלתו, אזוי ווי א כלה. - די וועלט זאגט נאך בדרך צחות, אז א בחור וואס זיצט און לערנט אין בית המדרש אלע זיינע יארן ביז ער האט חתונה, האט ער שוין א שידוך, ער איז דבוק אין די תורה, און די תורה איז דאך אויך א אשה. ער דארף דאך אבער אויפשטעלן א שטוב, און ווען ער טוט א שידוך, באקומט ער שוין א צווייטע כלה. עס איז דאך אבער דא א חרם דרבינו גרשום אז מען טאר נישט האבן צוויי ווייבער, ווארפט ער אוועק די ערשטע, און ער נעמט נאר די צווייטע, ווייל ביידע צוזאמען קען מען דאך נישט. ביי אונז יודען איז נישט אזוי, ביי אונז איז די עיקר די תורה, דאס איז ביי אונז דער א', ביתו זו אשתו (יומא ב.), די אשה דאס איז די ב', זי איז די צווייטע. אונז האב מיר טאקע ביידע, אבער ביי אונז איז די עיקר חשיבות תורה, תורה דאס איז די לעבן פונעם מענטש. די איבריגע זאכן וואס א מענטש דארף האבן, איז אלעס נאר כדי די תורה זאל האבן ביי אים א שלימות.

**דער** חשובער חתן, מקצת שבחו בפניו, ער האט אלע יארן פלייסיג געלערנט, עס איז געווען ביי אים פריער די תורה. נישט לאנג צוריק האב איך אים פארהערט הל' מליחה, בשר בחלב, און תערובות. ער איז נאכנישט מוסמך להוראה, אבער ער איז שוין סמוך להוראה. דער אייבערשטער האט געהאלפן מיין זון רבי יואל משה מרדכי זאל זיין געזונט, אז ער טוט א שידוך מיט אזא חשובן מחותן רבי אשר אנשיל, וואס כל ימיו איז ער א מרביץ תורה ברבים. ועל כולם קומט ער אריין אין שטוב פון מיין חשוב'ן ברודער, וואס דארט וועט ער נאך מער קענען קונה זיין תורה און עבודה און יראת שמים.

*

**מיר** יודען ווייסן, אז א מענטש איז נאר א פלג גופא, ער איז נאכנישט א שלם. בשעת מען טוט א שידוך, מען האט חתונה, אעשה לו עזר כנגדו, דעמאלטס קומען זיך צוזאם די צוויי פלג גופא'ס, און דעמאלטס ווערט דער מענטש אויפגעבויט צו א שלימות. מען זעהט אז ביי אומות העולם האלט זיך נישט א שידוך לאנג, נאך א קורצע צייט צוגייט עס. ביי אונז יודען, רובא דרובא, האלט זיך דער שידוך אלע יארן וואס מען לעבט אויף דער וועלט. - איך האב אמאל געהערט נאכזאגן בדך צחות, אז איינער האט אמאל געפרעגט א רב, אז ער האלט פופציג יאר נאך די חתונה, און ער וויל מאכן א סעודה צו די פופציג יאר פון די חתונה, צו עס איז דא ביי דעם חוקות הגוי, אז די גוים טוען אזוי. האט ער אים געזאגט, ביי א גוי איז נישט דא קיין פופציג יאר פון די חתונה, אז ער זאל אפילו קענען מאכן א סעודה. קיין חוקות הגוי קען עס נישט זיין. ביי אונז יודען קען עס פארקומען. - וואס איז די חילוק? פארוואס ביי אונז האלט זיך א שידוך, און ביי אומות העולם נישט.

**די** חילוק איז אזוי. ביי אומות העולם האלט זיך יעדער מענטש פאר א אדם השלם. און ווען מען האט חתונה, האבן נישט חתונה צוויי האלבע, נאר עס האבן חתונה צוויי גאנצע. ער האלט אז ער איז א אדם השלם, און זי האלט פון זיך אז זי איז א שלם. נאר אזוי ווי די תורה האט געזאגט לא טוב היות האדם לבדו, נעמען זיך צוזאם צוויי שלמים, און זיי טוען זיך צוזאמשטעלן, און זיי וואוינען צוזאמען. אבער א דבר השלם, היינט קען מען זיין צוזאמען, און מארגען קען ער גיין עקסטער. ער איז דאך א אדם השלם, און ער דארף נישט האבן דעם צווייטען נאנט צו זיך. א יוד ווייסט, אז ער איז נאר א פלג גופא, ער איז נאר א האלבער גוף, און ווען ער איז אליין פעלט אין זיין שלימות, ווען ער איז צוזאמען, דעמאלטס ווערט עס א חיבור, און עס ווערט איינס, זוכט זיך קיינער נישט צוצוטיילען, און ווערן צוריק א פלג גופא. יעצט איז ער דאך א אדם השלם. און דאס איז די חשיבות פון א יודישע שידוך, אז יעדער פארשטייט אז ער איז נאר א פלג גופא, און ווען עס קומט זיך צוזאם א שידוך, ווערט ער א אדם השלם. דער חתן טוט אויפבויען די כלה, און די כלה טוט

אויפבויען דעם חתן, דאס איז די שלמות פון א יודישע שידוך.

**עס** שטייט אין ירושלמי (שקלים ב-ג), אז נאכדעם וואס מען האט געזינדיגט ביים חטא העגל, האט דער אייבערשטער געהייסען, אז מען זאל געבן א מחצית השקל, לכפר על נפשותיכם, און דאס איז געווען א כפרה אויפן חטא העגל. - פארוואס האט מען געגעבן א מחצית השקל, און נישט א גאנצע שקל? שטייט אין די מפרשים, אז דער טעם דערפון איז, ווייל די נשים האבן נישט געזינדיגט ביים חטא העגל, זיי האבן נישט געוואלט געבן זייערע צירונגען, נאר די מענער. ראש חודש איז דאך פאר זיי א יום טוב, ווייל זיי האבן נישט פוגם געווען ביים חטא העגל (טור או"ח סימן תי"ז). אז א מענטש איז נאר א פלג גופא, קומט אויס, אז נאר א האלבער גוף האט געזינדיגט ביים חטא העגל. די צווייטע פלג גופא, די פרויען, האבן דאך נישט געזינדיגט. דארף מען דאך נישט געבן א גאנצער שקל פארן חטא העגל, ווייל נאר א האלבע מענטש האט געזינדיגט, די צווייטע העלפט, די אנדערע פלג גופא האט נישט געזינדיגט. גיט מען נאר א מחצית השקל, און פון דעם זעהט מען, אז א מענטש איז נאר א פלג גופא.

**אליעזר** האט געוואלט ארויסברענגען פאר רבקה, דו האסט יעצט חתונה, און דו גייסט יעצט אויפבויען א יודישע שטוב. דו זאלסט וויסן די מעלות פון א יודישען שידוך, וואס דאס מיינט. אויב דו וועסט בלייבן דא, און דו וועסט חתונה האבן מיט א צווייטע גוי, ער וועט האלטן אז ער איז א שלם, און דו וועסט האלטן אז דו ביסט א שלם, און עס וועט זיך נישט לאנג האלטן. ביי אונז גיט מען א מחצית השקל, ווייל אונז ווייס מיר, אז דער ווייב דאס איז דער פלג גופא, און ווען מען האט געזינדיגט ביים חטא העגל האט געזינדיגט נאר א פלג גופא, און וועגן דעם גיט מען נאר א מחצית השקל. וועסטו וויסן די חשיבות פון די שידוך וואס דו גייסט אריין יעצט. ביי אונז איז דא בקע משקלו, ביי אונז גיט מען א מחצית השקל, ווייל מיר ווייסען אז מיר זענען נאר א פלג גופא, און אונז ווער מיר אויפגעבויט מיט דעם וואס מען האט חתונה אינאיינעם.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, דער חתן האט פלייסיג געלערנט אלע יארן ביז יעצט, און ער קומט אריין אין אזא גוטע שטוב. יעצט באקומט ער דעם עזר כנגדו, יעצט ווערט ער א דבר שלם פאר זיך. אלע שלימות וואס ער האט זיך קונה געווען ביז יעצט, וועט ער עס קענען מוציא זיין מן הכח אל הפועל, דאס געשעהט ווען דער אייבערשטער העלפט, אז מען טוט א שיינע שידוך, א ערליכע יודישע שידוך, א שידוך וואס איז אויפגעבויט אויף אשה יראת ה' היא תתהלל, דאס ברענגט די מעגליכקייט אז א מענטש זאל קענען בליען שפעטער אויך, און וואקסען אין תורה און עבודת ה'.

**וויל** איך נאר וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן, אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. איך וויל וואונטשען פארן חשובן זיידען דער וויזניצער רבי זאל זיין געזונט, אז ער זאל זעהן אסאך תענוג ונחת ביי דעם קינד און אייניקל, און ביי אלע קינדער און אייניקלעך. ער זאל קענען מרחיב זיין די גבולי הקדושה, מיט נחת און הרחבת הדעת. און פאר מיין חשובן ברודער וויל איך וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל אים געבן לאנגע געזונטע יארן, און מיר זאלן זיך קענען פרייען איינער מיטן צווייטען, און אטייל נעמען איינער ביים אנדערן'ס שמחות. פאר די חשובע מחותנים זאל דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן זעהן דורות ישרים ומבורכים פון דעם קינד און פון אלע זייערע קינדער. ולכל הציבור הקדוש הזה וויל איך וואונטשען, אז דער אייבערשטער זאל געבן שמחות און נחת ביי ענקערע קינדער. וויסן דעם ברכו בתורה תחלה, אוועקקוקען אויף אלעם, נאר זוכן תורה און עבודה און יראת שמים. די איינציגסטע נחת וואס א מענטש האט פונעם לעבן, איז ווען מען זעהט שפעטער ווי אזוי די דורות טוען ווייטער נמשך ווערן, ערליך אין תורה און עבודת ה'. דאס איז די עיקר וואס מען קען בענטשען א יוד, שברכו בתורה תחלה. זאל דער באשעפער געבן פאר אונז אלע, אז מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צוגיין משיח צדקנו. וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת תזריע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ישראל חיים מארטאן** הי"ו (חתן הר"ר **שמחה פריעדמאן** הי"ו). אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים,

והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **פנחס אבערלענדער** הי"ו.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **פנחס** (ב"ר חיים) **רובין** הי"ו (חתן הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודא), שהתקיים בבית מדרשנו זכרון יהודא. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז מיר אלץ געווען א חידוש, פארוואס ביי א ברית מילה איז מען מכבד אזויפיל מענטשען ביז צום ברית אליין. עס איז דא א קוואטער, און עס איז דא חיקה'ס, כסא של אליהו, מן הכסא, און איבערגעבן פארן אבי הבן. איך געדענק נישט אז עס זאל זיין נאך א מצוה אין די תורה, וואס מען זאל מכבד זיין מענטשען וואס זאלן צופירן צו די מצוה. ווען א מענטש נעמט א אתרוג, און ער דארף בענטשען אתרוג, איז נישט דא קיין כיבודים וואס מען איז מכבד אז מען זאל אים צוגעבן דעם אתרוג, כדי ער זאל קענען מאכן א ברכה דערויף. וואס איז א ברית מילה אנדערש, אז דארט איז מען מכבד איינעם ביי יעדע נקודה צוצוברענגען צום ברית.

**מען** לערנט יעצט אין די חבורה פון 'ובהם נהגה' די גמרא אין מסכת יומא וואס האט א שייכות צו דעם ענין דא. די גמרא (יומא כו.) זאגט, חדשים לקטורת בואו והפיסו, די קטורת וואס מען האט מקטיר געווען אין בית המקדש, האט מען אלץ גענומען נייע כהנים, וואס האבן נאכנישט געטון די עבודה. ווייל קטורת איז מעשרת, די קטורת ברענגט עשירות, אזוי שטייט אין פסוק (דברים לג-י) ישימו קטורה באפך, און נאכדעם שטייט ברך ה' חילו, אז די וואס לייגען קטורת אויפן מזבח, איז ברך ה' חילו, טוט דער אייבערשטער בענטשען זייער פארמעגן, און זיי ווערן נתעשר. האט מען געוואלט געבן א געלעגנהייט פאר יעדן כהן אז ער זאל קענען נתעשר ווערן, האט מען אויסגערופן אז צו די פייס פון די קטורת, זאלן קומען נאר די כהנים וואס האבן נאכנישט געהאט די עבודה פון פריער.

**א** עמוד פריער שטייט אין די גמרא, אז מען האט אויך געדארפט נעמען פייער פונעם מזבח החיצון, און אריינטראגען די מחתה של אש אינעם היכל, און מען האט אראפגעלייגט די מחתה מיטן פייער אויפן מזבח הפנימי, און אויף דעם האט מען ארויפגעלייגט די קטורת. און דער וואס האט זוכה געווען אין די קטורת, האט מיטגענומען דעם כהן וואס איז געווען נעבן אים, אז ער וועט אריינטראגען דעם פייער. פרעגט די גמרא, ביי אלע עבודות איז דאך אזוי געווען. מען האט געמאכט דעם פייס צום תמיד, און דער וואס האט זוכה געווען, איז געגאנגען די רייע אויף די איבריגע עבודות שפעטער. זאגט די גמרא, אז איך וואלט געקענט מיינען, אז מחתה זאל זיין אנדערש, ווייל מחתה איז מעשרת. עס איז א חלק פון קטורת, און דער וואס לייגט עס ווערט אויך נתעשר, יעצט ממילא אפשר זאל מען מאכן אויף דעם א עקסטערע גורל, זאגט די גמרא, ניין, מען האט נישט געמאכט קיין עקסטערע גורל, נאר דער וואס איז געשטאנען נעבן דעם, דער האט זוכה געווען. [עס איז דא א מאן דאמר שפעטער, אז אויפן מחתה אליין איז אויך געווען א עקסטערע פייס]. זעהט מען פון די גמרא, אז נישט נאר די קטורת איז מעשרת, נאר דער וואס טוט צוגרייטן צום קטורת, דער וואס האט געלייגט דעם פייער אויפן מזבח, אפילו ער האט נישט מקטיר געווען די קטורת, אבער וויבאלד ער האט צוגעגרייט אז מען זאל קענען מקטיר זיין דעם קטורת, האט עס אויך געברענגט עשירות.

**עס** שטייט אין שלחן ערוך (יו"ד רסה-יא) אז א ברית מילה איז אזוי ווי קטורת. און וועגן דעם גיט מען סנדקאות נאר איינמאל פאר א סנדק, ווייל דער סנדק וואס אויף אים מל'ט מען דאס קינד, איז אזוי ווי מען האט מקטיר געווען קטורת, און מען וויל געבן א געלעגנהייט אז יעדער זאל זוכה זיין צו די עשירות וואס קטורת ברענגט, גיט מען נישט איבער א סנדק צוויי מאל. און דאס דארף אויך האבן א ביאור, פארוואס איז דער סנדק אזוי ווי קטורת? דער טאטע וואס ברענגט אריין דאס קינד צו מל'ן, און דער מוהל וואס מל'ט דאס קינד, די זענען מקטיר דעם קטורת. אבער דער סנדק טוט גארנישט, ער האלט נאר דאס קינד אויף זיין שויס בשעת מען מל'ט, פארוואס זאגט מען, אז עס איז אזוי ווי קטורת.

**עס** קען זיין אז דער פשט איז טאקע אזוי. לעולם איז די עיקר קטורת דער טאטע וואס איז מכניס זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. ער ברענגט יעצט קטורת פארן אייבערשטען, ער נעמט זיין קינד און ער מל'ט אים פארן באשעפער. דער סנדק וואס האלט דאס קינד, וואס ער גרייט צו, אז מען זאל קענען מל'ן דאס קינד, מען דארף דאך האבן א שויס אויף וואס מען זאל מל'ן, ער איז אזוי ווי דער וואס לייגט אראפ די מחתה של אש אויפן מזבח, און דאס ברענגט אויך א עשירות, ווייל קטורת וואס איז ישימו קטורה באפך, איז נישט נאר דער וואס האט מקריב געווען די קטורת, נאר דער וואס האט צוגעהאלפן מקטיר צו זיין דעם קטורת, האט אויך זוכה געווען צו עשירות. און דער סנדק איז דאך נישט ערגער פון דעם וואס לייגט ארויף אש אויפן מזבח, כדי מען זאל קענען ארויפלייגען דעם קטורת, און דער סנדק העלפט אויך צו, אז מען זאל קענען מל'ן דאס קינד. איז ממילא וועגן דעם איז דער סנדק זוכה צו עשירות, אזוי ווי די מחתה פון די קטורת. דאס מיינט, אז דער טאטע איז זיכער זוכה צו עשירות, ווייל ער איז דאך דער מקטיר הקטורת, דער סנדק וואס ער האלט דאס קינד בשעת מען איז מקטיר דעם קטורת, איז כאילו ער גיט די מחתה של אש צום קטורת, און דער וואס ברענגט די מחתה של אש, איז אויך זוכה צו עשירות.

**אין** פסוק שטייט דאך אבער נאר ישימו קטורה באפך, אז דער איז זוכה צו עשירות. פון וואו נעמט מען, אז דער וואס לייגט ארויף די פייער, איז אויך זוכה צו עשירות. מוז דאך על כרחך זיין, אז אמת טאקע ער איז נישט מקטיר דעם קטורת, ער לייגט נאר דעם פייער, אבער וווען א יוד גרייט צו, ער מאכט א הכנה אז יענער זאל קענען מקיים זיין די מצוה, האט ער א חלק אין יענעמס מצוה, ווייל ער האט צוגעהאלפן דערצו. אן זיין פייער קען מען נישט מקטיר זיין דעם קטורת. איז ממילא דער סנדק האט אויך די זעלבע ברכה פונעם קטורת.

**לויט** דעם קומט אויס, מן הסתם שטייט עס אין די מפרשים, אז ביי יעדע קטורת האבן צוויי מענטשען זוכה געווען צו עשירות. דער וואס האט מקטיר געווען די קטורת, און דער וואס האט געלייגט די מחתה של אש צום קטורת. איז מסתבר אז ווען מען האט אויסגערופן חדשים לקטורת בואו והפיסו, איז איינער וואס האט שוין זוכה געווען אמאל ארופצולייגען א מחתה, האט שוין נישט געקענט מער מקטיר זיין קטורת, ווייל ער האט שוין זוכה געווען צו די ברכה פון עשירות, דורכדעם וואס ער האט געלייגט די מחתה. איז וועגן דעם אפילו דער סנדק, וואס ער לייגט נאר די מחתה פונעם קטורת, גיט מען נישט צוויי מאל קיין סנדקאות, ווייל דארט איז אויך חדשים לקטורת בואו והפיסו, אויף דעם וואס האט שוין איינמאל זוכה געווען דערצו.

**אז** יעדער סנדק ווערט גערעכנט כאילו הקטיר קטורת, ווייל ער העלפט צו צום מקטיר זיין די קטורת, איז די אלע וואס ברענגען אריין דאס קינד, ביז מען איז מקטיר דעם קטורת, מען קען דאך נישט מל'ן דאס קינד, ביז דאס קינד איז דא, איז יעדער איינער וואס ברענגט אריין דאס קינד נאנטער און נאנטער, כדי מען זאל קענען דורכדעם מקריב זיין קטורת האט ער א חלק אין דעם עשירות. וועגן דעם איז עס די איינציגסטע מצוה, וואס מען איז מכבד אנדערע אויך, אז זיי זאלן אויך האבן א חלק דערין.

*

אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הלויה של **כ"ק האדמו"ר מסקולען זצ"ל**, שהתקיימה לפני בית מדרשו.

*

***יום רביעי פרשת תזריע***

בשעות הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת פרענקל שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת הר"ר **דוד מנשה פרענקל** הי"ו), ואצל משפחת הרה"ח רבי **חיים ארי' ראזענבערג** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הדינער לטובת מוסדותינו הק' בבארא פארק, שהתקיימה באולם לעגעסי, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א כבוד צו באגריסן אלע משתתפים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען מחזיק צו זיין אונזערע מוסדות, די תלמוד תורה און די מיידל שולע, דא אין בארא פארק. איך וועל נישט מאריך זיין בשבחם פון די מוסדות, ווי מען האט פריער

געהערט, איך מיין אז עס איז איבריג. די עלטערן האבן דארט קינדער, און זיי קענען נענטער די מוסדות, ווי איינער וואס איז פון דער פרעמד. ווען עס קומט אויס, אז מען זאל זיך טרעפן מיט איינע פון די עלטערן, איז אלץ זייער מויל פול מיט שירות ותשבחות און תהלות, סיי אויף די תלמוד תורה, און סיי אויף די מיידל שולע, מען לייגט באמת אריין די מערסטע כוחות וואס מען קען אריינלייגען, אז די קינדער זאלן שטייגען און וואקסען, און מען זאל זעהן פון זיי שיינע פירות. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז מען זאל זעהן פון זיי אסאך נחת דקדושה.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, די פרשה פון נגעים. א חלק איז אין די פרשה, און א חלק איז אין די קומענדיגע פרשה. די פרשה הייבט זיך אן, אדם כי יהיה בעור בשרו נגע צרעת (ויקרא יג-ב), ווען א מענטש האט א נגע אויפן גוף, וואס די הלכות דערפון זענען. שפעטער איז די פרשה אויב עס איז דא א נגע אויף די בגדים, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. די קומענדיגע פרשה איז די הלכה פון נגעי בתים, אויב אין די הויז איז דא א נגע, וואס מען דארף צו טון.

**אין** מדרש (ויק"ר יז-ד) שטייט, אז דער אייבערשטער איז א בעל הרחמים, און אין הקב"ה פוגע בנפשות תחלה. ווען דער אייבערשטער ברענגט א נגע אויף א מענטש, איז עס פאר א סיבה. אין יסורים בלא עון (שבת נה.), **אלעס וואס דער אייבערשטער טוט, אויב עס מאכט זיך ביי א מענטש א פראבלעם, דארף ער די ערשטע זאך וויסן, אז עס איז נישט קיין מקרה, אז עס האט פונקט אזוי פאסירט. היינט פאסירט עס ביי מיר, און מארגען ביי מיין חבר. אז עס האט פאסירט, דארף א יוד גלייבן אז עס איז מיט א השגחה פרטיות יעדע זאך וואס עס איז געקומען אויף אים. דער באשעפער וויל אים מעורר זיין.** דער אייבערשטער איז א בעל הרחמים, און ער איז נישט מעורר דעם מענטש אז עס זאל תיכף קומען א נגע אויף זיין גוף. הייבן הייבט זיך עס אן קודם מיט די ווייטסטע זאך פונעם מענטש, אינעם בית. אין שטוב צובערעכט זיך עפעס, עס ווערט א נגע, עס ווערט א אומגליק וכדומה. אויב דער מענטש איז נישט משים לב, קומט נאכדעם די נגע נאנטער צו אים, עס קומט אויף זיין בגד. און טאמער דאס העלפט אויך נישט,

דעמאלטס ח"ו דארף קומען די נגע אויף דעם מענטש אליין. אזוי שטייט אין מדרש די וואך אין די פרשה. און עס איז א גרויסע פלא. אויב מען הייבט נישט אן מיט די נפשות תחלה, מען הייבט אן קודם ביי די בתים און נאכדעם ביי די בגד, און נאכדעם קומט עס צום נפש, פארוואס האט די תורה אויסגעשטעלט די סדר אנדערש? די תורה האט אויסגעשטעלט אז די ערשטע פרשה הייבט זיך אן מיט נגעי אדם, און נאכדעם קומט נגעי בגדים, און נאכדעם נגעי בתים. די תורה וואלט געדארפט שרייבן לויטן סדר. קודם נגעי בתים, און נאכדעם נגעי בגדים, און נאכדעם נגעי אדם.

**איך** האב געטראכט, עס קען זיין א כוונה דערין. מען געפונט אין די פרשה פון קריאת שמע, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך (דברים ו-ה), מען דארף ליב האבן דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, אוועקגעבן זיין נפש, אוועקגעבן זיין פארמעגן, כדי מען זאל נישט נכשל ווערן אין א חטא. די גמרא (ברכות סא:) שטעלט זיך, אז מען זאגט שוין אז מען דארף ליב האבן דעם אייבערשטען בכל נפשך, אוועקגעבן אפילו דעם נפש, פארוואס דארף מען צוגעבן ובכל מאדך, אז מען דארף אוועקגעבן דאס געלט. אז מען דארף דאס נפש אוועקגעבן, דארף מען דאס געלט אוודאי אוועקגעבן. זאגט די גמרא, יש לך אדם שממונו חביב עליו יותר מגופו. עס איז דא אזעלכע מענטשען וואס געלט איז ביי זיי מער באליבט ווי זיין גוף, און אז מען וועט זאגן אז מען דארף אוועקגעבן דאס גוף, וועט ער נאר אוועקגעבן זיין גוף, אבער זיין געלט נישט. און מען דארף צוגעבן דערצו בכל מאדך, אז ביי אזא מענטש וואס געלט איז ביי אים חשוב, דארף ער אוועקגעבן דאס געלט פארן אייבערשטענס וועגן.

**דאס** איז טייטש, אז עס איז דא מענטשן וואס זענען מחשיב דעם גוף, אזוי זענען נארמאלע מענטשען, אבער עס איז דא מענטשן וואס א לעבן אן געלט איז ביי זיי נישט קיין לעבן. און טאמער ער מוז אוועקגעבן זיין גאנצע פארמעגן, איז ער ענדערש מוותר אויף זיין גוף, ווי איידער ער זאל אוועקגעבן זיין פארמעגן. א גוי'ס לעבן איז אזוי, זיין לעבן האט א חשיבות ווילאנג ער קען ענדשויע"ן זיין לעבן, ווילאנג ער קען הנאה האבן דערפון, און אז נישט, דארף ער עס נישט האבן. אונז יודישע קינדער ווייס

מיר, אז דאס לעבן אויף די וועלט איז נאר פארגענגליך, מען לעבט נישט אויף אייביג, מען נעמט זיך נישט מיט גארנישט, אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב, אונזער לעבן איז צוצוקומען צו עולם הבא. דאס איז אונזער תכלית, התקן עצמך בפרוזדור כדאי שתכנס לטרקלין, זיך צוגרייטן אויף די וועלט, כדי צוצוקומען אויף יענע וועלט. אונז דארף מיר נישט דאס געלט כדי מיר זאלן זיך קענען אונטערהאלטן מיטן געלט, אונז דארף מיר דאס געלט ווייל מען קען נישט זיין א יוד אן דעם. מען קען נישט מקיים זיין קיין מצות אן דעם, מען קען נישט מחנך זיין קינדער, מען קען נישט מחזיק זיין תורה. אונז דארף מיר אלעס האבן, כדי צוצוקומען צו אונזער ציל פונעם לעבן אויף יענער וועלט. אבער על כל פנים, זאגט די גמרא, אז עס איז דא אזעלכע מענטשען וואס ביי זיי איז ממונם חביב עליהם יותר מגופם.

**אז** דער אייבערשטער איז א בעל הרחמים, און ער הייבט נישט אן צו שטראפן א מענטש, נאר מיט די ווייטסטע זאכן, און נאכדעם קומט ער נאך נאנטער, און נאך נאנטער. איז בדרך כלל, ביי נארמאלע מענטשען, טוט דער אייבערשטער אנהייבן קודם מיט די בית, דאס איז די ווייטסטע ביי אים. און נאכדעם קומט ער צו צום בגד, און נאכדעם קומט ער צום אדם. אבער ביי דעם מענטש וואס עס איז ביי אים ממונו חביב עליו יותר מגופו, וועט דער אייבערשטער נישט אנהייבן ביי אים ביי ממונו, ווייל דער ממונו איז ביי אים דאס העכסטע. אז מען וועט אנהייבן ביי אים ביים בית, האט מען אים צוגענומען זיין גרעסטע זאך אינעם לעבן. ביי אזא מענטש הייבט דער אייבערשטער אן וואס ביי אים איז די ווייניגסטע. זיין גוף איז די ווייניגסטע ווערד, קומט קודם א נגע בגופו. און אז די נגע העלפט אים נישט בגופו, וועט עס קומען צו זיין בגד. דער אייבערשטער וועט אים נישט קאליע מאכן זיין ביזנעס, ווייל דאס איז ביי אים די חשוב'סטע. אז עס העלפט נישט די נגע בגופו, און די נגע בבגדו, דעמאלטס קומט עס אן בביתו, ווייל דאס וועט אים דאס מערסטע קלאפן, ווען עס וועט אנקומען בביתו. - אבער די חשיבות פון א יוד איז צו וויסן, אז דאס וואס מען מאכט געלט, דאס וואס א יוד דארף האבן עולם הזה, איז כדאי מען זאל קענען מיט דעם מחזיק זיין תורה, און טון מצות און מעשים טובים.

*

**די** וואך איז געווען א געוואלדיגע אבידה וואס כלל ישראל איז אדורכגעגאנגען, די פטירה פונעם **סקולענער רבי זצ"ל**. עס איז געווען א געוואלדיגע לויה, יעדער האט געזעהן און מיטגעהאלטן, טויזנטער יודען זענען געקומען אפגעבן דעם כבוד. איך האב געטראכט ביי די לויה, די גמרא (כתובות קג:) זאגט, אז ביי די אשכבתיה דרבי, ביי די לויה פון רבינו הקדוש, איז זיך צוזאמגעקומען א גרויסער ציבור. רבינו הק' איז געווען פון די גרעסטע בדורו, איז מען געקומען געבן כבוד פאר רבי. און עס איז ארויסגעקומען שפעטער א בת קול, אז ווער עס איז געווען ביי אשכבתיה דרבי, איז מזומן לחיי עולם הבא. ווער עס איז געקומען צו די לויה פון רבינו הק', ער האט אפגעגעבן כבוד פאר רבי, וועט זוכה זיין לחיי עולם הבא. - עס איז נישט אזוי גרינג צוצוקומען צו חיי עולם הבא. וואס ליגט אין דעם זאגן, אז ווער עס איז געווען ביי די לויה, ער האט אוועקגעגעבן א שעה פאר א נפטר, איז מען וועגן דעם זוכה, אז מען איז מזומן לחיי עולם הבא? אין די גמרא שטייט נאך מער, אז עס איז געווען א כובס, א וועשער, וואס איז פונקט נישט געווען דארט, און ווען ער האט געהערט דעם בת קול, האט ער געוויסט אז ער האט פארפאסט א לויה, וואס ער האט געקענט זוכה זיין צו עולם הבא, און פון גרויס צער האט ער זיך אראפגעווארפען, און ער איז געשטארבן, און עס איז ארויסגעקומען א בת קול, אז ער איז אויך מזומן לחיי עולם הבא. וואס איז דער ענין דערין.

**עס** קען זיין אז דער ענין דערפון איז. איך האב געזעהן א ווארט פון **רבי שלמה קלוגער זצ"ל**, אויפן פסוק (תהלים לד-כב) תמותת רשע רעה ושונאי צדיק יאשמו. תמותת רשע רעה, דער רשע וואס טוט שלעכטס, וועט אים דער חטא וואס ער טוט, הרג'ענען. אז מען פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, וועט עס ברענגען דערצו, אז דער אייבערשטער וועט אים צונעמען פון די וועלט. ושונאי צדיק, און די וואס האבן פיינט דעם צדיק, יאשמו, וועלן באשולדיגט ווערן. וואס נעמט ער צוזאם, תמותת רשע רעה, מיט שונאי צדיק יאשמו.

**זאגט** רבי שלמה קלוגער זייער א שיין ווארט. ווען א מענטש זינדיגט, און ער פאלט אדורך, האט ער א

מליצה פארן אייבערשטען, איך בין א מענטש, א בשר ודם, און דער יצר הרע איז א פייער, אנת נורא ואנא בשרא (קידושין פא.), און איך האב זיך נישט געקענט אקעגן שטעלן דעם יצר הרע. די תאוות הגוף זענען געווען זייער גרויס, און איך בין אדורך געפאלען, אבער עס טוט מיר באמת וויי, איך האב נישט געוואלט זיין אזוי ווי איך בין. איך וואלט געוואלט זיין ערליך, איך וויל זיך פירן ערליך, נאר איך קען נישט עומד זיין בנסיון, ווען עס קומט מיר אן א תאוה. עס איז א שטיקל מליצה, אבער דאס ווענדט זיך, ווי אזוי ער קוקט אן א צווייטען יוד וואס דינט יא דעם אייבערשטען. ווען ער טרעפט זיך מיט א יוד וואס איז א צדיק, און ער דינט דעם באשעפער, ווי אזוי ביסטו אים מחשיב? אויב דו ביסט מחשיב דעם צדיק וואס דינט דעם אייבערשטער, איז דער טייטש, אז בעצם איז ביי דיר חשוב עבודת ה', ווייל ווען א יוד איז יא עומד בנסיון, געבסטו אים כבוד, דו ביסט אים מחשיב. האט ער שפעטער א מליצה ווען ער פאלט אדורך, אז ער איז אדורכגעפאלען וועגן דעם ווייל ער האט נישט געהאט קיין כח זיך מתגבר צו זיין. א ראיה האסטו, אז ווען איך זעה א ערליכען יוד, פריי איך זיך אז ער איז א צדיק, און איך טו ארויסהעלפן פאר דעם צדיק, איז א סימן אז איך בין מחשיב עבודת ה'.

**ווען** א מענטש זינדיגט, איז נישט נאר ער זינדיגט אליין, ער איז נישט מחשיב א צדיק וואס דינט דעם אייבערשטען. און נישט נאר ער איז אים נישט מחשיב אז ער זאל אים ליב האבן, נאר ושונאי צדיק, ער האט גאר פיינט דעם צדיק, איז דאך דער טייטש אז נישט וועגן דעם זינדיגסטו ווייל דו קענסט נישט עומד זיין בנסיון, ווייל פארוואס האסטו פיינט דעם צדיק וואס דינט יא דעם אייבערשטען. איז דאך על כרחך נישט חשוב ביי דיר עבודת ה'. און אז עס איז נישט חשוב ביי דיר עבודת ה', האט ער נישט קיין מליצה שפעטער ווען ער זינדיגט, אז ער זאל קענען זאגן, אז פארדעם האט ער געזינדיגט, ווייל ער האט געהאט א גרויסן יצר הרע, און ער האט נישט געקענט עומד זיין בנסיון.

**זאגט** רבי שלמה קלוגער, תמותת רשע רעה, די שלעכטס וואס דער רשע טוט, תמותת, קען מען באצאלען דערפאר, מען קען שטארבען. ער האט דאך אבער א מליצה, צו זאגן אז ער האט נישט געקענט עומד זיין בנסיון אין זיין יצר הרע. אבער ושונאי צדיק יאשמו, דו ביסט דאך א שונאי צדיק אויך, אז דו ביסט א שונא פארן צדיק, איז דאך א סימן אז עס איז נישט חשוב ביי דיר עבודת ה'. מילא דו האסט א נסיון, דו האסט א יצר הרע, אבער פריי דיך אז יענער האט נישט, און יענער דינט יא דעם אייבערשטען. ושונאי צדיק, די וועלן יאשמו. אבער דער וואס איז נישט קיין שונא צדיק, ער האט ליב א ערליכען יוד, נאר ער פאלט אדורך, האט ער א מליצה שפעטער אין הימל, אויף דעם חטא וואס ער איז אדורכגעגאנגען.

**יעדער** איינער האט זיך דאך זיינע נסיונות, און נישט יעדער איינער האט דעם כח עומד צו זיין בנסיון, אבער ווען עס איז דא א אשכבתיה דרבי, און ער קומט געבן כבוד, עס איז אוועקגעגאנגען פון די וועלט א יוד וואס האט זיך מוסר נפש געווען פארן אייבערשטען, ער האט אוועקגעגעבן אלע עניני עולם הזה פאר תורה און עבודת ה'. ער האט מתפלל געווען פאר יודישע קינדער, און זיך געפירט ווי א צדיק פירט זיך, און ער איז עס מחשיב, ער לאזט איבער זיין ארבעט אינמיטן טאג אהין צו קומען. אז דו ביסט מחשיב א ערליכען יוד, ווייזט דאס אז דו ביסט נישט קיין שונאי צדיק, דו געבסט כבוד פאר דעם צדיק. און אז דו געבסט כבוד פאר דעם צדיק, האט ער א מליצה שפעטער אויף זיינע חטאים, אז דער יצר הרע האט אים צוגעברענגט דערצו, אז ער האט געזינדיגט. איז ביי אשכבתיה דרבי', ווען מען האט געזעהן דעם כבוד וואס מען האט געגעבן פאר רבינו הק', איז א סימן אז מען האט מחשיב געווען תורה און עבודת ה', איז ארויסגעקומען א בת קול, אז די אלע וואס האבן מחשיב געווען דעם צדיק, זענען מזומן לחיי עולם הבא, ווייל זיי וועלן האבן שפעטער א תירוץ צו זאגן, אז זיי זענען אדורכגעפאלען, ווייל זיי האבן נישט געקענט עומד זיין בנסיון. און א ראיה, ווייל ווען דער צדיק איז אוועקגעגאנגען, האבן מיר געטון וואס מען האט געקענט צו ווייזן דעם כבוד וואס מיר זענען אים מחשיב.

**ווען** א יוד זוכט נאנט צו זיין צו תורה, ער זוכט מחזיק צו זיין תורה, איך אליין בין אזוי ווי איך בין, איך וויל אבער אז מיין קינד זאל אויסוואקסן א תלמיד חכם, איך וויל אז מיין טאכטער זאל אויסוואקסען א ערליכע יודישע טאכטער. איך בין גרייט

אוועקצוגעבן געלט פון מיין פארמעגן, כדי איך זאל זוכה זיין צו זעהן נחת ביי מיינע קינדער, ער איז מחזיק פלעצער וואו מען לערנט תורה, כדי אז דארט וואו מען לערנט תורה זאל קענען בלייען שפעטער, און אויסוואקסען תלמידי חכמים און ערליכע יודען, דאס איז די היפך פון שונאי צדיק, ער איז אוהב צדיקים, ער האט ליב תורה, ער האט ליב עבודת ה', איי ער פאלט אמאל אדורך, איז ער אדורכגעפאלען ווייל ער האט נישט געהאט די כוחות הנפש אז ער זאל זיך מתגבר זיין, די זענען מזומנים לחיי עולם הבא, ווייל די האבן א מליצה שפעטער.

**ווען** עס קומען זיך צוזאם א ציבור יודען, נאך פורים וואס מען האט שוין צוטיילט אזויפיל געלט, און פון דעסטוועגן דאך נעמט מען זיך ווייטער צוזאם, און מען איז מחזיק צו בויען תורה, אז עס זאל זיין מקומות וואו קינדער זאלן קענען נתחנך ווערן לתורה, און מיידלעך זאלן קענען נתחנך ווערן צו זייערע פליכטן וואס זיי האבן צו טון אויף דעם עולם, די וואס טוען מחזיק זיין תורה, ווייזען מיט דעם ארויס די חשיבות וואס זיי האבן פאר תורה. און דאס איז א געוואלדיגע זכות פאר יעדן איינעם.

**זאל** דער אייבערשטער געבן פאר די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען מחזק צו זיין תורה, אז זיי זאלן געבענטשט ווערן בכל מילי דמיטב. מען האלט שוין ערב ראש חודש, מען קומט אריין אין א נייע חודש וואס עס איז ישועות בו מקיפות, זאל דער באשעפער געבן, אז מיר זאלן קענען קונה זיין פון די ישועות אין דעם גרויסן חודש, א חודש וואס איז מוסמך גאולה לגאולה. זאלן מיר זוכה זיין ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

***יום חמישי פרשת תזריע***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** ליוניאן סיטי ושימש במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אליעזר צבי שליסל** הי"ו, שהתקיים בהיכל הבית המדרש צאנז-זוועהיל ביוניאן סיטי.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל **כ"ק האדמורי"ם מסקולען שליט"א**, שישבו שבעה על פטירת אביהם **כ"ק האדמו"ר מסקולען זצ"ל.**

***וזה תוכן השיחה:***

**בנו הגה"צ רבי שמואל מרדכי שליט"א אב"ד סקולען ב"פ:** אלע רעדן פון דעם וואס דער טאטע ז"ל האט אזויפיל געטון פארן כינוס כלל ישראל, אבער מיר האבן געהאט אזא שמש, איך בעהט איבער אויף וואס איך זאג די לשון, וואס דער רב האט זיך אזוי משפיל געווען, צו וואס מען האט נאר געדארפט, און דורכדעם האט מען געקענט אנקומען צו אזא זאך. איך גלייב נישט אז מען וואלט געקענט אנקומען, אן די ארבעט וואס דער רב האט געדארפט אריינלייגען.

**רבינו:** איך מיין אז איך האב קיינמאל נישט אפגעזאגט א זאך וואס ער האט געבעטן.

**אב"ד סקולען ב"פ:** יעדע זאך וואס איז געווען ביכולת האט מען געטון.

**האדמו"ר מסקולען:** דאס איז א נצחיות פאר כלל ישראל.

**רבינו:** מיט די לעצטע כוחות האט ער נאך געטון וואס ער האט געקענט.

**האדמו"ר מסקולען:** ווען מען פלעגט אריינקומען זיך מזכיר זיין אז מען דארף א ישועה, פלעגט ער פרעגן, צו מען האט נישט קיין סמארטפאון. ווייל איינער וואס האט די כלים, ווי אזוי קען חל זיין א ברכה?!

*

**רבינו:** איך האב געהאט אמאל א ברית דא, און די זיידע פונעם קינד איז געווען א שוואכער יוד, ער האט שוין נישט געלעבט, און די באבע איז געווען דא ביים ברית, און זי האט געוואלט אז מען זאל א נאמען געבן נאכן זיידען. און דער יונגערמאן האט נישט געהאט קיין חשק, איז ער אריינגעגאנגען צום רבי'ן פרעגן וואס ער זאל טון. האט דער רבי געזאגט, אז ער ווייסט נישט. האט ער מיך אריינגערופן פרעגן, ווי אזוי מען גיט זיך א עצה. האט ער געפרעגט, ווי אזוי האט דער זיידע געהייסען, האט דער יונגערמאן געזאגט, נח. האט דער רבי געזאגט, אז ער זאל אינזין האבען, אז ער גיט די נאמען נאך **רבי נח לעכוויטשער זצ"ל.**

**האדמו"ר מסקולען:** אזוי האט ער נישט ליב געהאט אז מען גיט נעמען נאך צדיקים, נאר אויב מען האט געהאט עפעס א שייכות. זעהט אויס אז דא איז געווען א יוצא מן הכלל.

**וניחם רבינו:** המקום ינחם אתכם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים, מען זאל אפגעהיטן ווערן פון צער, און מען זאל הערן גוטע בשורות. מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין דעם שלשלת הזהב.

*

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של החתן **אליעזר** נ"ו בן הר"ר **דוב ברילל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אלכסנדר גראס** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא.

אחר החופה הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אברהם וועבער** ע"ה, ואצל משפחת הר"ר **אהרן פישער** ע"ה.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **אליעזר ברילל** נ"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **שלום יוסף לעווינגער** הי"ו (חתן הר"ר **יוסף צבי בלומענפעלד** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **יהושע גוטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

*

***ערב שבת פרשת תזריע***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **בנציון ווייסבערג** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא.

*

***שבת קודש פרשת תזריע***

בקריאת התורה התקיימה שמחת העליה לתורה של בן הר"ר **יוסף פישער** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחה.

אחר כך שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **מיכל מיללער** הי"ו, שהתקיימה בביתו.

אחר הברית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל שמחת הולדת הבת אצל נכדו הרב **יואל יוסף טייטלבוים** שליט"א (חתן הרה"ג **רבי אהרן ישעי' ראזנער** שליט"א), שהתקיימה בבית המדרש סאמבאטהעלי.

# פרשת מצורע ב׳ - ח׳ ניסן תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת מצורע***

בשעות לפני הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לאפיית מצות לחג המצות, בבית האופה ד'סאטמאר (בראדוועי). **רבינו שליט"א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, והשגיח בכל תהליך האפיה שיהא משומר כדת וכדין.

*

***יום שני פרשת מצורע***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש והתפלל תפלת שחרית בבית המדרש בית אהרן. אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן ש"ב הרב **משה כ"ץ** שליט"א (נכד הגה"צ רבי אהרן ארי' כ"ץ זצ"ל).

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לאפיית מצות שעל ידי קהלתנו הק׳.

בשעו אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הפדיון הבן של בן ש"ב הרב **יונתן בנימין מאנדלאוויטש** שליט"א, שהתקיים בבית המדרש סערדאהעלי.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **יוסף פישער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב משה דרעזנער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב הרה"ג רבי **שמעון אפרים פישל בלום** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד תולדות רפאל שליט"א, וחתן הרה"ג רבי אליעזר יוסף פאללאק שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **משה חיים קעסטענבוים** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס צבי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **יוסף פישער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת מצורע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם שטרייכער** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יחזקאל דוד שווארץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** בסעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט אין די טעג פון פסח. רש"י (שמות יב-ו) ברענגט צו דעם פסוק (יחזקאל טז-ז) ואת ערום ועריה, אז יודען האבן נישט געהאט קיין שום זכות אז מען זאל קענען ארויסגיין פון מצרים, עס איז געווען פארן זמן. האט מען זיי געגעבן צוויי מצות, דם פסח און דם מילה. ואראך מתבוססת בדמיך, ואומר לך בדמיך חיי, אין זכות פון די צוויי דמים, זענען יודען ארויסגעגאנגען פון מצרים. דם פסח פארשטייט מען, ווייל פסח האט א שייכות מיט מצרים, עס איז געווען משום שפסח על בתי בני ישראל במצרים. אבער מילה איז דאך א זייטיגע מצוה. פארוואס האט מען צוגעשטעלט פונקט די מצוה פון מילה, אז אין דעם זכות איז מען ארויסגעגאנגען פון מצרים. נאך מער שטייט אין תרגום יונתן (שמות יב-יג), אז אין פסוק (שם יב-ז) שטייט, אז מען האט געלייגט אויף די טיר פונעם דם פסח, כדי עס זאל זיין א אות אז דא וואוינט א יוד, און דער משחית זאל נישט אריינקומען. אין תרגום יונתן שטייט, אז מען האט גענומען פונעם דם פונעם קרבן פסח, און מען האט עס אויסגעמישט מיטן דם פון מילה, און ביידע דמים האט מען געלייגט אויף די טיר. דם פסח פארשטייט מען, מען דארף האבן עפעס א סימן. אבער פארוואס האט מען גדארפט צולייגען דם מילה, אז דאס זאל אויך זיין צוזאמען מיט די דם פסח.

**ווען** נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן, שטייט אין פסוק (ויקרא י-ג) וידום אהרן, איז אהרן געווען שטיל, עס שטייט אין מדרש (פליאה), מה הוי ליה למימר, וואס האט אהרן געקענט זאגן, אז די תורה זאגט אז ער איז געווען שטיל. ער האט געקענט זאגן וביום

השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ג). און אלע שטעלן זיך, וואס איז דער קשר איינס מיטן אנדערן.

**עס** קען זיין, עס שטייט אין **ישמח משה** (פ' אחרי), אז איינע פון די טעמים פארוואס נדב ואביהוא זענען געשטארבען איז, ווייל לא נשאו נשים, זיי האבן נישט חתונה געהאט. שטעלט ער זיך, אז אין פסוק (ויקרא טז-א) שטייט בהקריבם אש זרה, און דא זאגט מען משום שלא נשאו נשים. לא נשאו נשים איז נאכנישט אזוי הארב, אז פאר דעם איז מען חייב מיתה, און עס זאל קומען א אש מן השמים, און זיי זאלן אוועקגענומען ווערן פון די וועלט.

**זאגט** דער **ישמח משה**, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט ער עס געוואלט באשאפן מיטן מדת הדין. ראה שאין העולם מתקיים, ער האט געזעהן אז עס האלט זיך נישט מיט מדת הדין, שיתף מדת הרחמים למדת הדין. דער אייבערשטער וויל אז עס זאל זיין א קיום פארן עולם, האט ער צוגעשטעלט מדת הרחמים, אז ער וועט זיך נישט פירן מיטן מדת הדין, נאר צוזאמען מיט מדת הרחמים. זאגט דער **ישמח משה**, ווען א יוד טוט א זאך פאר קיום העולם, האט ער א מליצה אז דער אייבערשטער זאל זיך אויך פירן מיט אים מיטן מדת הרחמים, ווייל קיום העולם קען נאר זיין מיט מדת הרחמים. אויב פאר א מענטש אינטערעסירט נישט קיום העולם, ער לעבט פאר זיך, עס אינטערעסירט אים נישט די גאנצע וועלט. אז פאר דיר אינטערעסירט נישט קיום העולם, פירט זיך דער אייבערשטער מדה כנגד מדה, און ער פירט זיך מיט אים אויך מיטן מדת הדין. ווייל דו האסט נישט געטון פאר קיום העולם, דארף מען זיך נישט באנוצן מיטן מדת הרחמים, ווען עס איז פאר קיום העולם.

**נדב** ואביהוא האבן געהאט זייער חטא וואס זיי האבן געזינדיגט, און פאר דעם איז זיך זיי געקומען מיתה. אבער טאמער וואלטן זיי געווען נשאו נשים, זיי וואלטען חתונה געהאט, און זיי וואלטען געטון פאר קיום העולם, אויפצושטעלן דורות, וואלט דער אייבערשטער זיי נישט געשטראפט מיטן מדת הדין, דער באשעפער וואלט זיך באנוצט מיטן מדת הרחמים. אבער אז עס איז לא נשאו נשים, זיי האבן נישט געטון פאר קיום העולם, האט דער אייבערשטער זיך אויך נישט געפירט מיטן מדת הרחמים, וואס דאס איז פאר קיום העולם. אזוי שטייט אין **ישמח משה**.

**עס** קען זיין, ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, טוט ער אויך פאר קיום העולם. עס שטייט אין פסוק (ירמיה לג-כה) אם לא בריתי יומם ולילה, חוקות שמים וארץ לא שמתי. די גמרא (נדרים לא:) דרש'נט, אז די וועלט האלט זיך נאר אויף די מצוה פון מילה. קומט אויס, אז ווען א יוד מל'ט זיין קינד, טוט ער מיט דעם מקיים זיין מצות מילה, און ער טוט א זאך פאר קיום העולם. און אז מען טוט פאר קיום העולם, ווערט נתעורר אויף אים, אז דער אייבערשטער פירט זיך מיט אים אויך מיטן מדת הרחמים, וואס מדת הרחמים איז קיום העולם.

**ווען** אהרן האט געזעהן אז נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן בהקריבם אש זרה, און דער באשעפער האט זיך נישט געפירט מיט זיי מיטן מדת רחמים, ווייל זיי האבן נישט געטון פאר קיום העולם, האט אהרן געקענט זאגן, זיי האבן אויך געטון פאר קיום העולם, וביום השמיני ימול בשר ערלתו, מצות מילה איז אויך קיום העולם, קומט זיך אז דער אייבערשטער זאל זיך ביי זיי אויך באנוצן מיטן מדת הרחמים אלץ קיום העולם. אמת טאקע לא נשאו נשים, זיי האבן נישט געטון פאר קיום העולם פון די זייט, אבער זיי האבן א צווייטע חשיבות פון קיום העולם. מה הוי ליה למימר, וואס וואלט ער געקענט זאגן? ער וואלט געקענט זאגן, וביום השמיני ימול בשר ערלתו. קומט אויס אז ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, איז ער זוכה אז דער אייבערשטער זאל זיך פירן מיט אים מיטן מדת הרחמים.

**ביי** יציאת מצרים איז דאך געווען די מדת הדין זייער שטארק אקעגן, הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה, און דער אייבערשטער האט זיך געפירט מיט מדת הרחמים, און ביי מדת הרחמים קען מען נישט דן זיין שוגג כמזיד, אונס כרצון, האט דער אייבערשטער אויסגעלייזט יודען. אבער זיך צו פירן מיטן מדת הרחמים, דארף דאך א מענטש אויך טון פאר קיום העולם. וואס האבן זיי געטון פאר קיום העולם, אז דער באשעפער זאל זיך באנוצן צו זיי מיטן מדת הרחמים. האט זיי דער אייבערשטער געגעבן די מצוה פון דם מילה, וואס אלמלא מילה

לא נתקיימו שמים וארץ, האבן זיי געטון פאר קיום העולם, איז דם מילה וועט מעורר זיין אז ווען מדת הדין וועט מקטרג זיין מה נשתנו אלו מאלו, וועט זיך דער אייבערשטער פירן מיטן מדת הרחמים.

**דם** פסח האט דאך געוויזען אז דער אייבערשטער וועט מאכן א חילוק, ופסח ה' פון די בתי בני ישראל צו די בתי מצרים, וועט מען פרעגן וואס איז דער חילוק, מה נשתנו אלו מאלו? האט מען גענומען דם מילה, און מען האט עס צוגעשטעלט צו דם פסח, מיר זענען מקיים מצות מילה, טוען מיר אויך פאר קיום העולם, און פאר קיום העולם דארף זיך דער אייבערשטער פירן מיטן מדת הרחמים. האט דאס מעורר געווען, אז יודען זאלן קענען ארויסגיין פון מצרים פארן זמן.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז מי יעלה לנו השמימה (דברים ל-יב), איז פון איין זייט די ראשי תיבות מיל"ה, און פון די אנדערע זייט איז דער שם הוי"ה. ווייל ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, ווערט נתעורר ביי אים די מדת הרחמים פונעם שם הוי"ה.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **יהודא גאנדעל** ע"ה (מלפנים גבאי בביהמ"ד סאמבאטהעלי).

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **אליעזר בלומענפעלד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **פנחס אברהם דינטער** הי"ו, שהתקיים באולם סקאליע.

אחר כך השתתף אצל החתונה של בת הר"ר **אלי' יוסף ברוין** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יצחק דוב זילבער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת מרדכי. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת מצורע***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת התנאים של בת **הרב חיים ישעי' שווימער** שליט"א ראהכ רמ"א, עב"ג הר"ר **יואל טובי' שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם לאו שאטוי. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

*

***יום חמישי פרשת מצורע***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **ליפא וועכטער** הי"ו שהתקיים בבית חותנו הר"ר **זלמן לייב מארקאוויטש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל כינוס "**טהרת הקודש**" לחיזוק המוסדות שמתנזרים מליהנות מכספי הממשלה בארה"ק, שנערך בבנין ארטור עש סטאדיום.

*

***ערב שבת פרשת מצורע***

אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הר"ר **אליעזר זוסמאן סופר** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש אלכסנדר.

*

***שבת קודש פרשת מצורע***

לפני קריאת התורה למד **רבינו שליט"א** ההלכות השייכות לחג הפסח הבעל"ט.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אלעזר יואל גאלדבערגער** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בשעות אחר הצהרים מילאו המוני אנ"ש ותושבי העיר את היכל בית מדרשנו לשמוע דרשת שבת הגדול מאת **רבינו שליט"א**.

**רבינו שליט"א** התחיל את אמריו בגודל קדושת חג הפסח, אשר בראש כל מועדות נשאת פסח, חג האמונה, אשר משך שבוע ימים חי בהתבוננות בנסי יציאת מצרים. ומה גם אשר הוא ליל שימורים לגאולה העתידה שמצפין ומתגעגעין לישועת ה' במהרה.

וסיפר מה ששמע מאחיו **הגה"צ אב"ד תולדות אהרן זצ"ל**, שראה אצל חותנו **הרה"ק מתולדות אהרן זצ"ל**

ביום ראשון של פסח בבוקר שלבו שבור כאילו אירע לו איזה מקרה רעה, ושאל אותו על זה. והשיב לו, הן ליל פסח מסוגל לגאולה, ובימים שלפני פסח אני מצפה שבלילה זו נזכה להגאולה, ואני מתכונן ומכין עצמו לקבל פני משיח, וכל הלילה עד עלות השחר אני מצפה עוד שנשמע קול מבשר, וכאשר אני רואה שעבר הלילה, ולא זכינו להגאולה, קשה לי להחזיק את עצמי ע"כ. – וצריך כל אחד להתבונן ולהכין עצמו להיות כלי קיבול להחג הקדוש הבא לקראתינו.

**רבינו שליט"א** השמיע דברי פלפול בסוגיא דחדש (קידושין לז.), בדין חצי שיעור במצוות, ובגדרי טעם איסור חצי שיעור דחזי לאיצטרופי, ובדין חצי שיעור באיסורי הנאה.

אחר כך המשיך בדברי אגדה והתעוררות, שצריך האדם להתעצם באמונת ה' בכל מעשיו, ולהתבונן בראיה פנימית בכל הקורות אותו ובכל מאורעיו לראות בהם יד ה' ומה חובתו בעולמו. וביותר הדברים אמורים בשבתות קודש יום מנוחה וקדושה, לעשות חשבון אמיתי מה יש לו בכל עמלו שיעמול תחת השמש, ולקדשו בתורה ותפלה ולעבודת קונו, ובשירות ותשבחות להשי"ת.

**רבינו שליט"א** עורר בענין לימוד התורה, אשר זהו התבלין נגד היצר הרע, ובעזיבת לימוד התורה האדם נמסר ביד היצר, וזהו שורש כל החטאים. ובפרט במדינתינו כהיום שהנסיונות עצומות מאוד, מוטל על כל אחד להסתדר בשיעורי תורה בעיתותיו הפנויים, ואם רוצים להשאר יהודי כשר, יש לו להיות חבר באחד מהחבורות של תורה המצויים כהיום בכל קהלה וקהלה, ומי שיוכל יוסיף גם בבחינות בכל חודש, שבזה יהרהר בתורה בכל עת, ומכניע את יצרו, ויגיעת שניהם משכחת עון.

והאריך בקדושת ליל הסדר, ומצות סיפור יציאת מצרים, להמשיך לב הבנים ביופי דרכי התורה ומצותיו, איך דרכיה דרכי נועם, ואין חלקנו כגויי הארצות, אשר במעשיהם ובהנהגותיהם דומים לחיתו יער, עם הדומה לחמור, רק כל נתיבותיה שלום, העדינות ומדות טובות שיש בבני תורה, החסד והנדיבות שיש בכלל ישראל, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ.

ויציע לפניהם חשיבות של יהודי, שניתן לנו הזכיה לשרת את פני מלך, וגודל שמחתינו בכל עמל ויגיעה לכבוד ה' ומצותיו, ועבור החג הקדוש הזה. ואותם שעזבו חינוך אבותיהם, איך מתגוררים בחוצות בלי שמחת החיים האמיתי. ועל אחת כמה וכמה שאנו מצפים לזכות לחיי עולם הבא, להיות נהנין מזיו השכינה, תענוג תמידי ונצחי.

וסיים בברכתו שנוכל לקיים מצות החג בשמחה ובטוב לבב, ולנצל גודל קדושת הימים לספוג בעצמינו אמונה טהורה בהשגחה פרטית על כל מעשינו, ויושפע לנו דיבורים טהורים שיכנסו בלב בנינו להשרישם באמונת אלקי עולם.